STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01569

13 DERTSEYLUNGEN

Rosa Palatnik

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָזאַ פּאַלאַטניק



דערציילונגען

RIO DE JANEIRO — BRASIL — 1961

ראָזע פּאלאטניק

(שאפּראן)

דרייצן דערציילונגען

וועגן אלע ענינים וואָס זיינען
שייך דעמדאָזיקן בוך — זיך
ווענדן צו

Rosa Palatnik

R. Domingos Ferreira, 92, apt. 901

Copacabana — Rio

מיין טיפסטן דאנק דעם חבר
צבי יתום פארן דערמעגלעכן
דאָס דערשיינען פונעם דאָזיקן
בוך.

נאָכן ארויסנעמען די הוצאות, גייט
די הכנסה פונעם דאָזיקן בוך פארן
"קולטור און שרייבער־קרייז" אין
ריאָ דע זשאנייראָ.

אינהאלט:

„ליעזשאַליקעס" — 26
א פליושענער פרוכת — 36
געשפילט אין דריידל — 57
חזקה — 68
אמאטאָרן־טעאטער אין שטעטל — 76
מיין טאטע — 86
א פורים־מלכה — 98
„גרינגס אויף שבועות" — 106
גורל פון א פיאָנערין — 116
דורך א פענצטער — 128
ניטל־ביימער — 136
מאקומבא — 144
יורדים — 158

אין אַ זוניקן פרימאָרגן

במקום אַ הקדמה

געעפנט די אויגן, געזען מיינע אראפּגעלאָזטע ווענעציאנעס, ווי א ברייטע לייטער מיט זילבער-שטאפּלען, דורך וועלכע אטלאסענע סטענגעס לייגן זיך אויס אויפן זו-ניקן באָדן, ווי אויסגעשפּרייטע טליתים מיט געהאַפטענע עטרות...

כ׳האָב אויפגעהויבן די ראָלעטן, זילבער-שטראלן פארבלענדן מיין ראיה. א פייער-לאַווע אין מיין צימער, אויף די ווענט, אויפן מעבל און מיך אינגאנצן איינגע־הילט אין הייסע, גליענדיקע זון-כוואליעס...

אין אזא טאָג, האָב ליב צו זען דעם שטילן פלירט פון וואסער־בייטן, וואָס ים-כוואליעס לייגן אויס אויף די ברעגעס, ווי א ווייס-ווילדן געפלאנץ, וואָס לעבט א רגע און ווערט פארשלונגען פון די מיליאָנען-מיליאָסן-זעמדעלעך...

א שפּאציר פון מיין שטוב צו די ים-ברעגעס נעמט לערך פון דריי ביז פינף מינוט.

אויף מיין צעשטראלטער גאס, זילבער פון הימל, גאָלד פון די שוי־פענצטער, פלאטינע טעפּיכער אויף די בריקן און זיסער פייגל-געצוויטשער אויף פאלמעס און קאקטוס-ביימער.

מיין גאנג איז האָפערדיק, ס׳ווילט זיך אפילו אונטערברומען א ניגונדל. אָט

אזוי האָט געמוזט אויסזען דער ערשטער טאָג, ווען גאָט האָט געזאָגט דעם בארימ-טן כי טוב״.

דער טאָג איז פול מיט רייץ, די פלייצנדיקע זון קוויקט זיך מיט איר אייגענער שיין, לעקט אויף ווענט און דעכער, איר אייגן גאָלד. צעבליטע ביימער פערלען מיט פרישן טוי און מיט זיסע ריחות פון ווייסן יאשמיען.

נאָענט, ביים אריבערגיין דעם שאָסיי, ביי א האלב צעעפנטן טויער, איבער־

שרעקט מיך א קאַקעטישער שפּרונג פון א בריון הינטעלע, טענצל טגרינג אויף אירע הויכע פיסלעך, ווארפט עליאסטיש מיטן שמאָלן עקעלע און האָט קענטיק שטארק הנאה פונעם ארויסגנבענען זיך פון איר הינטישן־שטייגל, זי וויל מסתמא אויך אבי־סעלע געניסן פונעם צעזוניקטן דרויסן, כאפּן א טענצל, א יאָג, א שפּיל מיט אירס א פריינטעלע...

שטייען מיר ביידע, איך און דאָס הינטעלע, ווארטן געדולדיק, אז דער רויטער סיגנאל זאָל זיך פארוואנדלען אין גרין, כדי וואָס גיכער שוין צו זיין אויף יענער זייט — פּראַיע...

אין א מזל'דיקער שעה, צוויי שורות אָטאָמאָבילן שטעלן זיך אָפּ פון ביידע זייטן, ווארטן, אז איך, און הונדערטער אנדערע, מיטן הינטעלע בראש זאָלן בשלים אריבערגיין, וואָרעם דער רויטער "מלך־המאות"־סיגנאל, וועט אויף קיינעם דאָ נישט צו־ווארטן... גייען מיר אלע אינאיינעם. בלויז דאָס שיינע, ברוינע הינטעלע, מיטן לוסטיקן געגנגל און ארויסגעשטעקטן צינגל, האָט צייט; א דריידל אהין, א געגנגל אהער, אין דער לעצטער רגע חרטא געקראָגן אויפן גאנצן עסק... און אפשר זיך גאָר דערמאָנט אין זיין הפקר'דיקן "שפּאַצירעלע" אָנעם וויסן פון זיינע באלעבאטים? — א גיכער שפּרונג אויף צוריק, פּונקט אין יענעם מאָמענט, ווען ס'האָט אויפגעפלאַמט דעם "טייוולס רויטע אייגל"...

א האַלבע רגע בלויז און, נישט נאָר דער סיגנאל איז רויט געוואָרן, נאָר אויך א האַלבע ברוק, א האַלבער לאָמפּ פון א גאנצן "קאדילאק", א שטיק ווייסע וואנט און דאָס ברוינע הינטעלע, גלייך ס'וואָלט אין דער האַלבער רגע א גאנצע בלוט־באָד גע־נומען... די איינגעשטילטע באוועגונג האָט גענומען אזוי לאנג, וויפל ס'האָט געדויערט דאָס באַזייטיקן ס'טיקל פארבלוטיקטע פעל, ס'ביסל צעדרויבלט־פלייש מיט די צע־מאַרשטע ביינדעלעך...

* *

*

די היק איז נאָענט צו 39. שלאנקע דאמען, הויכע מענער, צעפּיעשטשעטע קינ־דער, אלע אין אָדם יחוה'ס קאָסטיומען, איילן זיך צו קילן זייערע גליענדיקע לייבער אין די מחיה'דיקע כוואליעס... ביים ים זענען אַלע גלייכע מיוחסים... דעם אָרעמען

נעגערס בראָנזענע פּלייצעס, דער צעפּאַטלטער נעגערטעס צעיורענע בריסטן, דער ווייס-ראָזענער־קערפּער פון גראַציעזע "סעניאָריטאַס" — אַלע גלייך — נאַקעט...

פּלוצים א געזעמל אויפן זאַמד, מענטשן לויפן זיך צענויף, שאַפן א רעדל, קוקן מיטן גרעסטן נייגיר, ווי אַן אויסגעפּאַשעטער פּאָרטוגעז, מיט פאַרדרייטע שטייפע וואָנצעלעך, קאָמאַנדעוועט מיט א קליין, אויסגעמאָגערט מאַלפּעלע, מיט גרויסע אויע-רן, א לענגעכדיק פּנימל און קליינע, בלישטשענדיקע אייגעלעך. אַרום דעם מאַלפּע-לעס ברייטע פּיסקל, גיסט זיך אַביסל ווייסע סלינע, וואָס קומט פון איר כסדר׳דיקן זשאַמדזשען קליינע ניסעלעך, מיט וועלכע דער פּאָרטוגעז האַלט איר אין איין קעכ לען... אָט דאָס דאָזיקע קליינע באַשעפעניש׳ל, פאַרשטייט יעדער וואונק, יעדער וואָרט און יעדן באַגער פון איר געטרייען "שפּייזער"... זי פאָלגט אויס אַלע זיינע פאַרלאַנ-גען און — באַפעלן... און דער באַלעבאָס איבערן מאַלפּעלעס שטיקל-לעבן פאַר־מאָגט בלויז איין און איינציקע בקשה, ער וויל — און באַפעלט, זי זאָל גלעטן מיט אירע ווייכע לאַפּקעלעך די אַלע אַרומשטייענדיקע מענטשן, זיך אַרויפכאַפּן אויף זייערע אַקסלען, צערטלען מיט איר זיידן־האָריק־פּנימל די נאַקעטע לייבער, זיך ניאָ-כען אין זייערע האָריקע בריסטן און דערביי עפּעס בעטלען מיט אירע טרויעריקע רחמנות־אויגן... בעטלען אַזוי לאַנג, ביז א פּאַפּירן-באַנקנאָטעלע וועט אַריינפאַלן צו איר אין פּיסקל... דערפאַר טוישט דער פּאָרטוגעז זיך מיטן מאַלפּעלע — זי אים, דאָס "פּאַפּירעלע", ער איר — א פּאָר ניסעלעך... ס׳א האַנדל — גלייך אויף גלייך...

און דער זאָרגלאָזער עולם האָט אַן אויסטערלישע הנאה פונעם דאָזיקן אויס-טויש-האַנדל... זיי באַלוינען גערן דאָס דאָזיקע קליינטשיקע "אַקטיאָרטשיקל" מיט צוואַרפן איר א סך, גאָר א סך באַנקנאָטעלעך... דער פּאָרטוגעז זאַמלט זיין "חלק־מסחר" אין א לייוונטענעם זעקעלע. ס׳איז שוין לאַנג אָנגעפילט דאָס דאָזיקע געלט-זעקעלע... אָבער דאָס מאַלפּעלע, וואָס האָט זייער ליב ניסעלעך, האַלט נאָך אַלץ אין איין שפּרונגען, פון אַקסל צו אַקסל, פון ברוסט צו ברוסט, טראָגט כסדר אין איר פּיסקל די צוגעוואָרפענע "פּאַפּירעלעך", דאָס זעקעלע האָט מער קיין פּלאַץ נישט זיי אַריינצונעמען, וואַלגערן זיך שוין די "פּינפּערלעך" און צענערלעך׳ אַרום דעם זע-קעלע... אָבער אויך דער פּאָרטוגעז איז נאָך אַלץ נישט — זאַט... באַפעלט ער כסדר נאָך: — "טאַנצן, שפּרונגען, מאַכן קאָזשעלקעס"... ביז — ביי עמיצן האָבן זיך אויס־געלאָזט די פּאַפּירענע באַנקנאָטעלעך... האָט ער גענומען זוכן... אָבער, וואו האָט א נאַקעטער מענטש צו זוכן?... דאָך, ערגעץ אינעם קליינעם קעשינקעלע פון זיינע באָד־הייזלעך האָט זיך נאָך פאַרוואַלגערט א קליין מטבע׳עלע, א האַלב קרוזייראַלע פון

בליי, וועלכעס ער האָט מיט באנייטער צופרידנקייט א גיכן וואָרף געטאָן אין לופטן...

דאָס טאנצנדיקע מאלפעלע, געוואוינט מען זאָל איר אויך צוואוארפן ניסעלעך, באניקערן און לעקעכלעך, האָט הפנים געמיינט, אז דאָס דאָזיקע, קיילעכדיקע "לבנה־לע", איז אזא מין צוקער־קיכעלע, וואָס זי האָט גיך, מיט מאלפישער געשיקטקייט — איינגעשלונגען . . .

דעם מאלפעלעס גלאנציקע, קליינע אייגעלעך, האָבן פלוצים געוואָרן גרעסער ווערן, ברייטער, אויפגעריסענער און עפּעס אזוי מאַט־גלעזערדיק... אירע גרויסע אויערן, נאָך גרעסער געוואָרן, אָנגעשפּיצטער, גלייך זי וואָלט צו עפּעס פרעמדס, אומבאגרייפנדיקס זיך צוגעהערט... פלוצים האָט זיך דאָס מאלפעלע א שטעל געטאָן אויף אירע הינטערשטע לאפּקעס, שטארקער אויסגעגלאָצט אירע צעחושט־געוואָרענע אויגן און זיך ווילד גענומען טאָרען אויף דער ערד, זיך געניאָרעט אין זאמד, גענומען הוסטן, קרעכצן, שטיקן און ווערגן...

דער צעטומלטער פּאָרטוגעז, גלייך ס׳וואָלט אים אליין אויך ארײַן א מטבעה אין האלדז, האָט גענומען כאָרכלען פאר כעס. א כאַפּ געטאָן זיין "פרנסה־געבערין" אויף די הענט, זי גענומען הושקען, שאָקלען, קלאַפּן אין קארק... אָבער דאָס אָרעמע מאל־פעלע האָט בלויז שטום געקוקט, עפּעס שטום געבעטן און זייער שווער געאָטעמט...

דער איבערגעשראָקענער עולם האָט געהאלטן אין איין שרייען: — "העי! דו! מאך נישט קיין פוילע שטיק! שלינג אראָפּ דאָס "גרעשעלע" און פטור אַן עסק"...!

אנדערע ווידער האָבן געליארעמט דאָס פאַרקערטע:

— ביין! נישט שלינגען! ס׳וועט דערשטיקן! שפּיי בעסער אויס! — שפּיי אויס!"...

און דאָס קליינע, אומבאהאָלפענע מאלפעלע, שוין מיט א גלעזערנעם קוק און שלאבעריקן קעפּל, איז אָנמעכטיק געלעגן אויפן פּאָרטוגעז׳ס ברייטער ברוסט, גע־דריגעט מיט די הינטערשטע פיסלעך און מיט די פאָדערשטע זיך איינגענאָגלט אין איר "שפייזערס" נאקעטער ברוסט, ביז בלוט זיך איינגענאָגלט, געזוכט דאָרטן הילף, און דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, נישט געקענט אים זיין געהארכזאם... לסוף, גע־

בליבן ליגן שמאַטעדיק אויפן פּאָרטוגעז׳ס פּאַרשוויצטן האַלדז. אויסגעקוקט, גלייך זי וואָלט זיך פּלוצים פּאַרוואַנדלט אין א פוטערנעם קראַגן, וואָס ליגט איצט אַזוי ווי א ״צירונג״ אויף א פּאָר געזונטע פּלייצעס...

* *

*

מיט א צעשטערט געמיט, אומעטיקע געדאַנקען, האָב א לעצטן בליק געטאָן אויפן טויטן מאַלפּעלע, געזען די סנאָפּעס זון וואָס האָבן אַזוי זאַרגלאָז־טענצלדיק גע־שטראַלט אויפן מאַלפּעלעס אומבאַוועגלעכן קערפּערל און בין מיר מיט געלאַסענע טריט אוועק צו מיין שטוב. א גיכן קוק געטאָן אויף מיין האַנט-זייגערל, ס׳איז פּונקט איין שעה זיבעט כ׳בין אַרויס אינדרויסן... כ׳האָב נאָך פאַרריסן מיין קאָפּ צום לויטערן הימל, אַריינגעקוקט אין זיין דורכזיכטיקער בלויקייט, וואָס האָט אויסגעקוקט, ווי א גלאַטיקער זייד, מיט א לאַנגן ״פּאָוולאָק״, ווי צו א כלה׳ס חופּה-קלייד... אין האַרי־זאָנט האָבן זיך געזאַמלט, קליינע, דריבנענקע וואָלקנדלעך, אַלערליי. א קאַפּעליע צו אַ חתונה־מאַרש... פון צווישן די דאָזיקע וואָלקנדלעך, דערזע איך פּלוצים אַרויספליען צוויי גרויסע, ווייסע טויבן, קרייזן אַרום דעם זוניקן חלל — אָט הויך, באַלד נידעריק, שפּילן זיך קינדיש, ווי צוויי ווייסע מלאָכימלעך, שפּילן זיך אין יאָגעלעך, אין כאַפּע־לעך, ביז, עפּעס א הויכער קנאַל פון א ביקס, האָט גיך צעשיידט די צוויי איבערגע־שראָקענע טייבעלעך, יעדער האָט גענומען זיך ראַטעווען אין אן אַנדערער ריכטונג...

צוגעשמידט צום אָרט, האָב איך באַמערקט אויף א הויכן פענצטער, אויפן צוועלפטן שטאָק, א יונג בחור׳ל, אין א צעכראַסטעט העמדל, א צעפּלאָשעטן קענ־זשער-האָר, אַן אויסגעשטרעקטע האַנט און א ביקסל, וואָס צילט אין הימל אַריין...

א ווײַלע איז שטיל. די וואָלקנדלעך אינעם האָריזאָנט דערנענטערן זיך, ווערן גרעסער, ברייטער, פולער... די צוויי טויבן פליען זיך ווידער צענויף. האָפּסלען, אָט אויף א בוים, אָט אויף א קוסט און באַלד אויף א געשניצטן קאַרניז. טשוביען זיך גלעטן זיך, ליוביען זיך... ביז — א פרישער קנאַל צעיאָגט זיי אויפסניי...

מיט טיפן נייגיר, געמישט מיט שרעק און אַנגסט, האָב נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון דער דריטער פּאַסירונג אינעם היינטיק־זוניקן פרימאָרגן... כ׳האָב שוין איצט גע־קוקט מיט א ציטערניש אין האַרץ, א פלאַטערניש אין דער נשמה, געקוקט צום

בחורל, דאָרטן אויבן, וועלכער לערנט זיך הפנים ערשט — שיסן, צילן, וויל טרעפן אין פונקט... מיין נייגיר איז אזוי גרויס געוואקסן, גלייך אין דער ענטשיידונג פון די דאָזיקע צוויי טויבנס אומשולדיקע לעבנס, וואָלט אויך אָפּהענגיק געווען מיין אייגענער גורל...

א ווײַלע איז ווידער שטיל. דער טשענירטער הימל, האלב גרוי, האלב בלוי, לייכט נאָך אלץ אינמיטן מיט פארפירערישער שיינקייט... דאָס בחור׳ל מערק איך, לאָדנט ווידער אָן זיין ביקסל...

אין א בלענדנדיקן געפלעכט צווישן זונען-שטראלן און וואָלקנן־ברוך, האָבן די צוויי ווייסע טויבן אויפגעטויכט, ווי פון א פייער-שפיגל ארויס, פליען דאכט זיך גלייך אין די פלאמען אריין. אָט קרייזן זיי אויף שאָטן-זייט און אָט אויף זונען־זייט. ס׳האָט אויסגעקוקט גלייך די צוויי צעשראָקענע טויבן, ווי סאָלדאטן אין א געפּערלעכער שלאכט, זוכן דעם ריכטיקסטן וועג, וואו זיך צו שיצן פאר לויערנדיקער סכנה... ערשט, דער דריטער הילכיקער שאָס האָט אלץ דעצעדירט...

ראפּטום האָבן די צוויי צעשראָקענע בעל-חי זיך א הויב געטאָן העכער פונעם צוועלפטן שטאָק... די זוניקע פייער-שטראלן האָבן רעפלעקטאָריש קלאָר געוויזן, ווי איין טייבעלע איז איבערן אנדערן אריבער, שווינדלדיק גיך, זיך גענומען דרייען ווילד, שוין מיט אדורכגעשאָסענעם גוף, נאָך אלץ געזוכט — רעטונג — אָנהאלט... נאָר לסוף, מיטן זעלבן אימפּעט, גיך א פאל געטאָן, מיט אויסגעשפּרייטע פליגעלעך אויף דער אָנגעהיצטער ערד...

דאָס בחור׳ל אויבן האָט פאר גרויס גדולה גענומען ווילד העצקען, טאנצן, שפּרונגען — און מסתמא זיך אויך — צוגעזונגען... א גליק האָט אים געטראָפן — ער קען שוין — שיסן... טרעפן אין ציל...

אָבער דאָס צווייטע טייבעלע, גלייך זי וואָלט אינסטינקטיוו געפילט אז אויף אירע אויסגעשפּרייטע פליגל פלאטערט נישט בלויז איר אייגענער גורל... האָט שווינדלדיק-שנעל, ווי אויף אָן אָנגעצייכנטן וועג, גענומען פליען צו מזרח... גיך פארשוואונדן אין געזיכערטע אטמאָספערעס אריין...

*

* *

כ׳בין צוריק אריין אין מיין שטוב, געזען די אטלאסענע סטענגעס גליען נאָך אַלץ אויפן זוניקן באָדן... כ׳האָב שנעל צוריק אראָפּגעלאָזט די ראָלעטן, איינגעצויגן די ווענעציאנעס ביז — פינצטערניש און אזוי־אָ, אין טיפער טונקלקייט, געטראכט: בלויז איין שעה מיט צען מינוט אין אזא שיינעם זוניקן פרימאָרגן, אזוי פיל — ״קליינקייטן״...

★

אלטע הײם

«ליעזשאַליקעס»*

*) "ליעזשאַלקעס" האָט מען אין פוילן גערופן קליינע, צוגעלעגענע בארלעך אין האסבסט־סעזאָן. אזוי האָט מען אויך באצייכנט אין קליינע שטעטלעך די דאָרפס־יידן, וואָס זיינען געקומען אויף ימים־נוראים אין שטאָט אריין. עס שטאמט פון פוילישן ליעזשיטש (ליגן) און דארף מיינען: איבערליגער, איבערגעבטיקער, געסט אויף א ווייל... קען אויך באטייטן: "צוגעלעגענע", נישט קיין איבעריקע חכמים.

ווען אין שטעטל האָבן אָנגעיאָגט די אלולדיקע ווינטן, זיינען דעמאָלט אויך אָנגע־קומען די אויסגעסטראָיעטע דאָרפס־יידן כדי באצייטנס זיך פארזאָרגן א שטיקל אָרט זואו צו יום־טובן אין די הייליקע טעג.

געקומען יידן אין שווערע שטיוואליעס, ברייטע סוקמאנעס, פארגרעבטע פּנימער, מאסיווע הענט און מיט באסאָווע שטימען וועלכע מען האָט דערקענט אויף א מהלך־ווייט.

געקומען דאָרפס־יידענעס מיט ברייטן געשטעל, אין כלאָפּסקע ספּאָדניצעס, גע־גראטשקעוועט איבערן שטעטל מיט הויכן ירגזון. די דאָרפס־ווידן, ס'רוב מיט פולע, קיילעכדיקע בעקעלעך, ווי פרישע בוימל־בולקעס, מיט קאָלירטע פאטשערקעס אויף ברייטע העלזער, האָבן צומיינס געכאפּט דעם אָנבליק פון שיקסעס. אויך די דאָרפס־יונגען, אין גראָבע, לייוונטענע הויזן, פויערישע מאטשעיאוועקעס אויף ווילד־באוואקסענע קעפּ, זיינען מער ענלעך געווען צו שקצים, ווי צו יידישע קינדער. אפילו דאָס קליינ־ווארג איז געווען אנדערש: צעשראָקן, שעמעוודיק, זיך געהאלטן אין א ווינקעלע און שטיל געגאפיעט אין דער וועלט אריין.

אין די בתי־מדרשים, האָט מען ״ליעזשאליקעס״ דערקענט, סיי אין זייערע אומגע־לומפּערטן הולד, סיי אין זייער גראָבלעכן קול און אודאי אינעם פּאַרכטיקן אויסגעשריי: ״ברוך הוא וברוך שמו״. זייער קלינגענדיקער ״אָמן״ האָט צוריקגעשלאָגן מיט א ווידער־קול, גלייך ווי ער וואָלט זיך אָנגעקלאפּט אין סופיט.

צווישן די ליעזשאליקעס זיינען געווען אָרעמע פּאכטערס, פארמעגלעכע בהמה־הענדלער, רייכע גוט־באזיצער און סתם דאָרפס־מענטשן, איינגעזעסענע פון דור־דורות, פערד־הענדלער, מילך־הענדלער און גלאַט בהמה־טרייבער.

צווישן די לעצטע זיינען אויך געווען די ״סטעמפּעס״. זיי זיינען באשטאנען פון פיר פּערזאָן:

זעליקל — א קרעפּקע יידל מיט א ברייטער באָרד, א ברייטן גאנג און ברייטע באקן, ווי א צייטיקער בריקיוו, נאָר מיט שמאָלע אויגן, וואָס האָבן געלויכטן ווי ברע־נענדיקע הבדלות — מיט עטלעכע פייערלעך. קיין צלם פון אן אלף האָט זעליקל נישט געקענט. אָבער פארן איינשפּאנען זיך אָפּצופירן די בהמות איינער אליין, האָט ער זיך

פריער אוועקגעשטעלט מיטן פנים צום קליינעם וועלדל און אזוי, אָן ווערטער, עפּעס געבעטן צו יענעם גרויסן און שטאַרקן, אָן אַ נאָמען...

זיין ווייב — א נידעריקע, קיילעכדיקע יידענע, כמעט אָן א האַלדז, איר ברייטער קאָפּ האָט זיך אָנגעהויבן פון די פּלייצעס. קורצע הענט, קורצע פיס — א דייזשע. מיט א פאַרקנופּטער צונג, וואָס איז שווער געווען צו פאַרשטיין.

זייער איינציק טעכטערל, פּעטשע, וועמענס נאָמען זעליקל האָט פאַרצויגן אויף "פּעטשעלע", זי האָט געהאַט א קיילעכדיק פנים, וואָס די זון, ווינטן, פרעסט און רעגנס האָבן אויסגעגליט אויף א ציגל-קאָליר. א מויד, אָן א טאַליע. ווען נישט די גרויסע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעגלאַנצט פונעם ציגל-פּנים ווי שוואַרצע ראָזשינקעס פון א מייערן־צימעס, וואָלט איר קיילעכדיק פּנים אויסגעקוקט ווי א פולע לבנה איבער א פעסל.

זייער בן-יחיד, בענטשיקל, האָט געהאַט פּלאַטשיקע פיס, וואָס ער האָט נישט אונטערגעהויבן ביים גיין, נאָר געשלייכט, געשאַרט, ווי לאַפּעטעס. א גאַנץ יאָר איז בענטשיקל געגאַנגען באָרוויס. נאָר ערב די ימים־נוראים האָט א שוסטער געמאַכט ספּעציעלע קאַפּיטעס פאַר בענטשיקלס "כאַלאַפּטשעס". אויך זיינע קורטקעס האָט מען געמוזט ספּעציעל באַשטעלן, ווייל אין זיינס א הויז, אָדער אַן אַרבל, האָבן געקענט אַריין צוויי פּאָר פיס. זיין גרויס פּנים איז כמעט געווען ווי אָן אויגן. מען האָט זיך געדאַרפט גוט איינקוקן, בכדי צו דערזען אונטערן שטערן צוויי שמאָלע שפּעלטעלעך, מיט קוים-אָנזעעוודיקע ברעמען, דורך וועלכע ס'האָט עפּעס אַרויסגעבלינצלט. גערעדט האָט בענטשיקל מיט א סמך. קיין שין האָבן זיינע גראָבע ליפּן נישט אַדורכגעלאָזט, נאָר: "סייך, סנאַי, סיטן, סיידן"...

"סטעמפּעס" האָט מען זיי גערופן דערפאַר, ווייל אַלע פיר האָבן געכאַפּט דעם אָנבליק פון א פּסחדיקער סטעמפּע, אין וועלכער מען פלעגט שטויסן מצה-מעל.

די סטעמפּעס האָבן נישט געוואוסט וואָס עס מיינט א רופא, ריצן-אייל, באַנקעס, פּיאַווקעס. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרקילט. נישט פאַרדאָרבן די מאָגנס, נישט געלעגן אין בעט — גיבורים... זעליקל מיט דער זעליקאָווע זיינען קיינמאָל אין קיין חדר נישט געגאַנגען, אָבער צו פּעטשעלען מיט בענטשיקלען האָבן זיי געהאַלטן א מלמד. נאָר דאָס אַריינקנעלן האָט זיך געקלעפּט, ווי אָן אַרבעס צו דער וואַנט. דעמ־בענע קעפּ!

ערב די ימים-טובים זיינען די סטעמפּעס געווען פון די ערשטע צו קומען באַ־שטעלן זייער נאַכט-לעגער, כאָטש זיי פלעגן תמיד דינגען די זעלבע, פּייכטע קאַמער, ביי אביגדור שוסטער.

אַלע דינים און מנהגים האָבן די סטעמפּעס שטרענג אָפּגעהיטן. צו תשליך איז זעליקל געגאַנגען גלייך מיט אַלע פרומע לייט, אין אַ לאַנגער, געגאַרטלטער יופּיצע. די זעליקאָווע האָט געשפּרייזט לעבן מאַן אין אַ ריפּסענעם האַביליאַק און לאַנגע אויי־רינגלעך, וואָס האָבן, צוליבן קורצן האַלז, זיך געבאָמבלט גלייך אויף דער ברוסט. פעטשעלע, אין אַ רויטער "פרינצעסקע", מיט אַ פעכער פון פעדערן, האָט געפירט איר טאַטן פון איין זייט און די מאַמע פון דער צווייטער. אין דרייען, האָבן זיי פאַר־נומען די גאַנצע בריק, ווי אַ פעסטונג.בענטשיקל, מיט דער ברייטער "אָבראַניע", האָט זיך נאָכגעשאַרט פון הינטן און געהושקעט מיט די הענט, ווי טאַצן פון אַ וואָג־שאָל.

ביים קלאָרן טייך האָבן זיי זיך פרום געשאָקלט, עפּעס געזאַמזשעט מיט די ליפּן און צען מאָל אויסגעשאָקלט אַלע קעשענעס אין וואַסער אַריין. דערנאָך זיינען זיי אהיים-געגאַנגען צופרידענע, מיט געזאַנג און טענץ, גלייך מיטן רב, מיט דער רביצין און אַלע פרומע חסידים פון שטעטל.

אַ גאַנץ יאָר האָט די זעליקאָווע געפּאַשעט עופות, צום שלאָגן כפּרות. ערב יום-כיפּור פלעגט קומען אַ מלמד זיי אַרויסהעלפן. ווען זעליקל האָט אַ נעם געטאָן דעם אויסגעפּאַשעטן האָן אין זיינע פעסטע הענט, האָט דאָס דערשראָקענע עוף גענומען כאָרכלען, זיך געריסן פון זיינע הענט, געשפּרונגען אין דער לופטן... אַז בענטשיקל האָט גענומען זאָגן דעם "בני אָדם", האָט מען דעם גרויסן האָן געמוזט צוהאַלטן ביי די פליגל, ביים קאָפּ, אַריינגעקוועטשט דעם פעטן בויך צווישן זיינע פיס און ביז ס׳איז געקומען צום "זה חליפתי", האָט דאָס עוף קוים נאָך געשזשיפּיעט.

די זעליקאָווע מיט פעטשעלען האָבן געשלאָגן כפּרות מיט איין הון — אָבער אַזוי פעט, אַז זי האָט נישט געקענט קוואַקען, נאָר הייזעריק זיך געגאָרגלט, געקרעכצט און גע יאָכצט. זי האָט שוין מיט זיך געלאָזט דרייען אָן שום פּראָטעסט... ערשט וועןביידע וויבער האָבן אַריינגעשריגן אין אירע סמוטנע אויגן דריי מאָל: "דיר צום טויט און אינז צים לעבן", האָט די הון פרייער אָפּגעאָטעמט און שוין געוואַרט אָן אַ פּיפּס — אויפן שוחט.

אַלע געווייןז-קוואַלן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביי די סטעמפּעס אַ גאַנץ יאָר, האָבן באַקומען זייער אויסלאָדונג ערב יום־כיפּור. ווי אַ פאַרשפּאַרטער טייך, באַפרייט פון זיינע צוימען, האָט עס געקוואַלט פון זייערע אויגן, פאַרגאָסן די פנימער, די הענט, די מלבושים. צום סוף זיינען זיי זיך געפאַלן אויף די העלזער, אַריינגעקלאָגט אין די

בוזעמס און ארויסגעבראכט זייערע בקשות אין געציילטע ווערטער: ״א גוט קוויטל, גאָטעניו! א טייער קוויטל, הארציקער טאטעניו״.

צו כל-נדרי האָבן זעליקל מיט בענטשיקלען אריינגעקוקט אין איין מחזורל און איבערגעמישט נאָר דעמאָלט, ווען אנדערע האָבן איבערגעמישט... סייווי זיינען זיי געווען פארטראָגן מיט די רעיונות ביי די וויסטע לאַפּיטוטן, וואָס זוכן צו פאַר־פּאַטשקען זייערע פּנימער ביים רבונו-של־עולם. היינט זיינען אָפּן אלע טויערן, די ״נישט-גוטע״ שפּאַצירן אהין און קריק, טראָגן אויף זייערע שווארצע פליגל די מיגדס־טע זינד, דאָס קלענסטע עבירהלע, בכדי עס אוועקצולייגן אויף דער הימלישער וואָג-שאָל. כאַטש, צוריק-געשמועסט, שרעקט זיך זעליקל נישט אזוי שטארק. ער שטייט איבערן מחזורל און טענה׳ט זיך אויס אין געדאנק מיט די מלאכי-חבלה: ״יעך האָב ענק אלע אין דער אדמה. עץ קענט ענק פלוידערן געזונטהייט. יעך בין א געטרייער ייד, און ערלעכער בהמה־טרייבער און עץ קענט ענק זיכן לייכטערע פרנסות...״

אויך בענטשיקל האָט באגלייט אין געדאנק, דורך דער צייט פון דאווענען, די וויסטע לאַפּיטוטן אויף זייערע חושכ׳דיקע וועגן. ער איז שוין נישט אזוי האָפּערדיק ביי זיך. דאָס הארץ ציטערט אים יאָ אביסעלע ביים דערמאָנען זיך אין זיין ״זעקעלע״, וואָס די שווארצע חברה טראָגן איצט ארויף. דאָרטן, ווייסט ער, ״ליגט״ זיין זינדיקן מיט דער שווארצער מאנקען...

די זעליקאָווע מיט פעטשעלען ווייקן פשוט אויס אלע בלעטלעך פון סידורל. זיי האָבן תמיד איין בקשה צו דעם וואָס לעבט אייביק: זאָל ער צושיקן א יידישן בחור פאר פעטשעלען און א היימיש מיידל פאר בענטשיקלען, זיי זאָלן קענען פארלאָזן דאָס דאָרף און איין מאָל פאר אלע מאָל אויפהערן צו זיין — ״ליעזשאליקעס״...

*

* *

אזוי — יאָר-איין, יאָר-אויס. דערנאָך איז מען צוריק געפאָרן אין דאָרף, ווידער געטריבן די בהמות, ווייטער זיך געליובקעט מיט מאנקען און נאָכאמאָל געקומען אין שול אריין ציטערן ווי א פיש.

האָט אָבער געטראָפן: אלע ״ליעזשאליקעס״ זיינען שוין געווען אין שטאָט, אלע פלעצער — פארדונגען, נאָר די פייכטע קאמער ביי אביגדור שוסטער האָט נאָך גע־

פוסטעוועט... ס'איז שוין ראש-השנה ביינאַכט, די שול איז געפּאַקט, יעדער איז פאַר־נומען מיט זיין אייגענעם חשבון-הנפש. בלויז איין אביגדור קען זיך קיין אָרט נישט געפינען און קוקט כסדר צו דער טיר. עס גייט אים נישט אזוי אין די פּאָר קערבלעך, וואָס ער וועט דאָס יאָר היזק האָבן. נאָר דער פּחד גריזשעט אין מוח: "וואָס האָט גע-קענט פּאַסירן? פאַרוואָס זיינען זיי נישט געקומען?"

ער ווייסט, אביגדור, אז צווישן זעליקלען מיט בענטשיקלען איז אָנגעגאַנגען א קריגעריי. נאָך פאַראַיאָרן האָט דער טאַטע געסטראַשעט: דאָס לעצטע מאָל וואָס ער נעמט מיט בענטשיקלען אין א מקום-קדוש. א גויעץ, וואָס כאַליעט מיט א שיקסל אין די סטויגעס, וועט ער מער נישט אריבערלאָזן די שוועל... דאָס גאַנצע באָד וועט אמאָל אויסגיסן דער טאַטע מיט דער מאַמען. זיי — אָך נישט אים — וועט מען ברענען און בראָטן... בענטשיקל האָט דאַן א בלינצל געטאָן מיט פּחד אין זיינע שמאָלע אויגן-שפּעלטעלעך. א פאַרבאָרגן ליכטל האָט דאָרט אויפגעפלעמלט א רגע און מיט א צע־גריזשעטער שין צווישן זיינע לאָפּעטע-ציין האָט ער ארויסגעסיקעט:

— "סווייג טאַטע! געסוואָלן וועט די סיקסע ביי מיר ווערן, ס'עט א "כוואַראָבע" איר אין די זעמבעס, ביזקל — כ'זאָל ווערן איר כפּרה"...

אָבער זעליקלס פּנים האָט זיך געפּעלדלט מיט אומגלויבן: "מען קען שוין דאַנע צוזאָגענישן! זיי האַלטן-אָן ביזקל דער ראָגאַטקע... אָבער וואָטער עט עס נישט גאָין. כ'על דעך איין מאָל גוט צעמאָרשן, אויספליאסקען, אָפּשינדן די פעל, עט זאָן — יעך, אָדער — דאָס שיקסל!..."

איצט קוקט דער שוסטער מיט א מטושטשן בליק אויף די הונדערטער ברע־נעדיקע ליכט, אויף די ווייסע קיטלען, צעעפנטן אָרון־קודש און דער געדאַנק איז אים פאַרנומען מיט איין זאַך: "צעמאָרשן, אויספליאסקען, אָפּשינדן"... אז זעליקל זאָגט "פליאסקען", מיינט עס נישט קיין שמיר איבערן פּנים אָדער א גלעט אין בעקל. ס'איז רעכט — א דראָנג, א פוס פון א טיש, אָדער גאָר — גאָט זאָל בעסער שומר ומציל זיין . . .

אויך די אנדערע "ליעזשאַליקעס" קוקן זיך איבער, מיט אומרו אין די אויגן. אפילו דער שטאָטישער עולם אין שול, מיט די קעפּ אין די טליתים, קלערט איבער. ס'דוכט זיך, אז די סטעמפּעס ליידיקער פלאַץ שרייט מיט באַנומענע קולות:

— וואו זיינען זיי טאַקע?...

דערווייל האָט זיך דער חזן צעקלאָגט אויפן קול. קהל האָט זיך צעשאָקלט, ווי זאנגען אין א שטורעם, פון דער ווייבערישער גאלעריע האָט זיך געטראָגן א העשעריי, א געקלאָג. ערשט ווען אלע זיינען שוין פארזונקען אין דאווענען, האָט זיך פלוצים דערהערט א טומל ביי דער טיר. עמעץ האָט דאָרט געקרעכצט, זיך אנידערגעוואָרפן אין פאָליש, געיאָמערט ווי נאָך א טויטן...

א סך קולות מיטאמאָל האָבן אויפגעשריגן:

— זעליקל! געוואלד! זעליקל!

פון דרויסן האָט מען געהערט דאָס שלוכצן פון דער זעליקאָווע מיט פעטשעלען. זיי האָבן אפילו נישט געוואגט איבערצוטרעטן די שוועל, נאָר פאר זיך אליין געהאקט זיך אין די קעפ: "א בראָך איז צו דער מאמען און א ווייטיק איז צום טאטן — גע-בליבן ביי דער שיקסע! ווי איז ציינינק און ווינד איז ציינינזערע יאָרן..."

זעליקל איז געלעגן אויף דער שוועל. זיין צעקנוידערטע באָרד האָט זיך גע-ווייקט אויפן בלאָטיקן באָדן און זיין תמיד-רויטלעך בריקיוו-פנים איז איצט געווען בלייך און צעקרימט: "יידן" — האָט ער געקרעכצט — "יידן, יעך בעט ענק, שפאַץ מער אין פנים אריין! ווען יעך האָב אויפגעכאָוועט! א משומד! גערארפט אים שינדן די הויט! צעמאָרשן!... איצט איז שוין שפעט!... נאָכאלעמען!"

דער חזן האָט געמוזט איבעררייסן די תפילות. באקיטלטע יידן האָבן ארויסגע-שטעקט די קעפ פון זייערע טליתים. אפילו אין דער ווייבער־שול האָט זיך די בהלה איינגעדישעט. בלויז די הונדערטער ליכטער האָבן זיך נאָכמער געשמאָלצן, גערונען ווי צעגאָסענע טרערן.

עולם האָט זיך געגומען בעטן מיט ווייכע קולות: "שטייט אויף ר׳ זעליקל, ס׳איז הייגט ראש-השנה און מ׳טאָר נישט פארשטערן אזא הייליקן יום-טוב..."

— "ווער יום־טוב, וואָס יום־טוב" — האָט זעליקל געקרעכצט — "אינץ איז בי-טער אין פינצטער, פארלוירן ביידע וועלטן" — און ער איז פארפאָרן מיט די פינ-גער אין דער פארקאָלטנטער באָרד, געפרואווט רייסן פון איר שטיקער...

אנטקעגן די אָפענע פענצטער אויפן גרויען שאָסיי, האָט זיך באוויזן א לויפנ-דיקער וואָלטן שטויב. ער איז געלאָפן און געפאלן, אויפגעשטאנען און ווידער געלאָפן

ווי א ווינט. פּעטשעלע האָט אים דערקענט די ערשטע און דאָס קול האָט זיך איר אָפּגעריסן:

בענטשיקל! די זעליקאָווע, מיט איר פאַרקנופּטער צונג, האָט גלייך אונטערגע־כאַפּט:

"דראָלטשע — ניו, ניו, ניו!" — און געהאַקט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ. בלויז זעליקל האָט זיך פּלוצים א שטעל געטאָן און מיט זיינע שווערע, געביילטע פויסטן זיך געגרייט צו מלחמה, אָפּצושיינדן א לעבעדיקן דעם משומד.

בענטשיקל האָט נישט געהאַט די העזה זיך צו דערנענטערן. הכנעהדיק, מיט איינגעהויקערטע פּלייצעס איז ער געשטאַנען ווייטלעך און שטום געווישט דעם גע-דיכטן שווייס אויף זיין מידן פּנים. דערנאָך האָט ער גענומען שטאַמלען מיט א פרעמד קול:

— יעקאָב גערזינדיקט, אין יעך וועל נישט מעיער... יעך וויל צריק... נעמץ מעך קריק..."

זעליקל האָט מיטאמאָל אראָפּגעלאָזט די פויסטן. זיין צעקנייטשט פּנים האָט זיך פּלוצים אויסגעגלייכט ווי פון א הייס פּרעסל. קליינע הבדלה־לעך האָבן זיך צעפּייערט אין זיינע אויגן־שפּאַלטן:

— יידן, עץ זעיט דעך, אז ער האָט חרטה, אז ער וויל צריק, בעט יעך ענק — נעמץ עם אראַן!

אַלע פיר "סטעמפּעס" האָבן זיך א וואָרף געטאָן איינער דעם אנדערן אויף די העלזער, געוויינט און געקלאָגט מיט א יאָמערלעך-פריידיקער כליפּעריי אזויווי זיי וואָלטן דאָס גוטע יאָר שוין אויסגעבעטן: "א גוט קוויטל... דאָס אמת'ע קוויטל!

✩

אַ פּליושענער פּרוכת

אין ווייכע, אמעריקאנער שטיוועלעטעלעך און זיידענע וועסטאָן, האָט זיך פון יאָסלס פולן גוף צום בולטסטן אויסגעטיילט זיין דיקער בויך, ווי א קישן וואָס הענגט איבער א פענסטער. זיינע לענגלעכע באַקן, איינגעשרומפּן, ווי א געפּלאַצטער באַלאָן. בלויז אין זיינע פליישיקע ליפּן האָט נאָך געשאָטנט א זנות-שמייכעלע, וואָס האָט ד׳ערמאָנט דעם אַמאָליקן יצר־הרע׳ניק... אויך דאָס בלישטשענדיקע פּיערל אין זיי־ע האַלב פאַרזשמורעטע אויגן, איז געווען אָן אָנדייט, אז דער געוועזענער גברן־יונג יאָסל, איז נאָך אַלץ ניט גרייט זיך אונטערצוגעבן דעם איצטיקן, צלאַפּעוואַטע־גוף...

וועגן יאָסלען, וואָס איז פלוצלים געוואָרן אַן אַלמן אין אמעריקע, איז אין שטעטל ארומגעגאַנגען לעגענדעס: ער הייסט שוין לאַנג ניט יאָסל, נאָר ״מיסטער דזשו״, ער האָט אַן אייגענעם ״סאַמאָכאָד״, מיט א ״קוטשער״, מיט דינסטן און לאַקאיען, וואָס פּוצן אים די שיך, טוען אים אָן דעם מאַנטל, בוקן און בייגן זיך. און אז פּירשטן, גראַפן, קניאזן, קויפן זייערע מלבושים נאָר אין יאָסלס מאַגאַזינען.

איצטער איז ער געקומען מיסטער דזשו״ אויף קבר-אבות, און אפשר זיך פאַר-בענקט נאָך זיין שוועגערן נעכע, וואָס מיט דרייסיק יאָר צוריק, האָט ער איר געמאַכט דעם ״האָף״... צוגעזאָגט... און — אזוי ווי נעכעס יונגערע שוועסטער איז געווען א סך ספּריטנער, האָט זי דעמאָלט אויסגעכאַפּט דעם ״אוצר״... אנטלאָפן מיט אים ״קאַני-מערקע״ — ״קומט ער זיך אפשר איצט שלאָגן על חטא״? — האָט עולם געפּרואווט אַלע מינים השערות. אָבער דערווייל איז שוין דאָס גאַנצע שטעטל יידן מיט יידענעס געשטאַנען אונטער נעכעס פענסטער.

מויקע גאַווער מיט א האָרב אויף דער פּלייצע, זיין ווייבל העניע, געהאָרבעט פון פּאָרנט, זייערע אכט קינדערלעך: לאָמע, קרומע, שטומע, בלינדע, מאַכן זיך א וועג צווישן געדיכטן עולם, ווי מען מאַכט א נוריק אין א שטורמישן טייך... עס איז פּונקט

געווען נאָך תשעה־באב, וואָס לויט חזקה, האָט מען ביי מויקען געהאַט אראָפּגעריסן דעם גאנצן דאָך... האָבן זיי אלע אינאײנעם אויסגעדונערט, ווי א קאפּעליע: — אַ דאַאָך! אינץ אָמעניש קאַ דאַאָך! און אויסגעשטרעקט זייערע אָרעמס צו נעכעס פּענס־טער, גרייט געווען אונטערצוכאפּן אַ דאַך אין זייערע הענט אריין...

דער שטאָט-באגרעבער אין זיין אייביקן שפּענצער, האָט גערעדט אין דער טיר אריין מיט זיין דין ווייבעריש קול׳כל: — א פּאָר הויזן ווילעך, ר׳ יוסף. יעך אליין האָב באגראָגן דיינע טאטע-מאמע, קומט אינץ כאָטש א פּאָר הויזן דערפאר״...

די שטאָט־גבאיטע, אין א ברייטן פארטעך, בלאָזט זיך, ווי די סאמעראָדנע מחותנתטע, איר מענה־לשון, גלייך זי וואָלט אריינגערעדט אין א מיקראָפאָן: — ״יעך גיי שוין אויפן ״גיטן אָרט״, כ׳על צו וויסן געבן דיינע טאטע-מאמע, זיי זאָלן זעך רעכטן אויף דיר״...

דורך א הינטער טיר באווייזן זיך בכבודיקע באלעבאטים, שטעלן זיך דרך־ארץ־דיק ביי די ווענט:

— שלום עליכם ר׳ יוסף.

— ״עליכם שלום יידן, וואָס דערציילט איר עפּעס גיץ?״ — האָט מיסטער דזשו באוויזן, אז ער קען נאָך יידיש, פונקט ווי אמאָל...

— אינץ זעמער פון הכנסות-אורחים, סדחקים, ניט פאר אייך געדאכט איז גרויס און דאָס אויסקומעניש — קליין און עץ זענט דאָך קיין עין הרע, אויף אינץ אלע גע־וואָגט געוואָרן, נו, באדארף מען דאָך איידניט האקן אונטער דער צינג״?...

לסוף רוקט זיך ארויס א קליין דאר יידעלע, הוילע באָרד און פּאות, ער רעדט שטיל, מיט א פייכט קול: — יעך בין דער שמש פון ״חברה כלה״, מעך האָט געשיקט דעך רב זאָל־לעבן, ער לאָזט ענק וויסן, אז ענקער טאטע ע״ה, איז באַרינץ געווען גבאי, אין אינזער שילכל שטייט א נאקעטער ארון־קודש, באדארף מען א שטיקל סיץ צו פארדעקן די הייליקייט. לכן, בעטן מיר ביי ענק א פּרוכת...

*

* *

אינגיכן האָט טאקע ביי מויקען געבלישטשעט א נייער דאָך. דער באגרעבער האָט פּאצעטיש שפּאצירט אין געוואנטענע פלודערן. די שטאָט-גבאיטע האָט געקראָגן אויף

עסן פארן גאנצן הקדש און ליכט צו צינדן פאר אלע מתים... איז בלויז געבליבן דעם מיסטער דזשו, צו פארדעקן דאָס ארון-קודש ביי "חברה כלה" און דעמאָלט האָט עס זיך אָנגעהויבן, ווי מיסטער דזשו האָט זיך אויסגעדריקט — "טראָבל"... ראשית וויל ער אז דאָס פרוכת זאָל זיין פון פּליוש, איז פּאָלג מיך א גאנג אזש קיין ווארשע. והשנית, דארף מען דאָס דאָזיקע פאָרהענגל אויסהעפטן, מוז מען אויסזוכן די לייטישסטע מיידלעך פון שטאָט... און דריטנס, טאָר עס ניט געדויערן צו לאנג, ווייל מיסטער דזשו מוז וואָס גיכער צוריקפאָרן צו זיינע ביזנעס.

אימיצער האָט א זאָג געטאָן: חנטשע. א צווייטער האָט אָנגערופן: גיטל. א דריטער: דבורה, פעסע, שיינדל. ביז ס׳איז געפאלן דער נאָמען — מירל. מירעלע דעם זייגערמאכערס, וואָס אירע אויגן זעען, קענען די הענט, זי וועט דאָס מאכן איינס און צוויי.

מיסטער זשו האָט זיך קודם געהייסן פאָרשטעלן פאר אלע אויסגערעכנטע העפּטערקעס... א קרומען בליק געטאָן אויף חנטשעסברייטן געשטעל, אויף אירע טשאַפּעוואטע פיס און גלייך א זאָג געטאָן: — "זי קען שוין גיין"... גיטלען האָט ער אריינגעקוקט אין אירע קאָסאָקע אויגן, געזען אירע שווארץ־אַפּלען ווארפן זיך אונטער די וויעס ווי קיועקזילבער און זייטיק א זאָג געטאָן: — "מיט אזעלכע "אויגאנעס" קען מען אויסמעלקן א קו, ניט העפטן א פּרוכת"...

אויף דבורה׳ס געראונצלטן פנים האָט מיסטער דזשו אפילו ניט געוואָלט קוקן, נאָר ארויסגעוואָרטשעט: — אזעלכע מיידן זיצן שוין באריבנץ אין אמעריקע אויף קאזשאָנע קעסט...

פּעסע איז סתם א דארער דראָנזשיק, ניט קאָ פאָרענט, ניט קא הינטן, א שאָד די רייד...

און שיינדל איז גלאט א סראָציק, באדארף נאָך גיין אין חדר אריין... בקיצור, ער וויל נאָך אָנקוקן מירלען.

*

* *

בעת מיסטער דזשו איז געקומען צום זייגערמאכער אָנקוקן מירלען, איז א שטיק זון געלעגן אויפן לאנגן ווארשטאַט, ווי א טישטוך פון בראָקאַט. און נאָך א שטיק זון

האָט געמיניעט, ווי א גאָלדענע דעוויסקע אויף דער פארמאכטער אלקער-טיר. עס האָבן זיך געהערט ווייכע טענער פון אן אלטער מאנדאָלינע, א דין ליריש שטימעלע האָט זיך צוגעזונגען:

„עס דרימלט אין שטעטל, די לאָדן פארמאכט,

צו מיר מיין געליבטער קום אין א שטילינקער נאכט".

— שלום עליכם ר' איסר, ווער זינגט עס אזוי שיין ביי אייך? איז מיסטער דזשו שטיין געבליבן אויף דער שוועל, אין א פאצעטיש אויסגעלייגטן קראגן און זיך גענו-מען ווישן מיט א זיידן-טיכעלע דעם שוויס פון שטערן.

— אָ, פאניע יאָסל! ס'הייסט, זייט מוחל, כ'וויל זאָגן מיסטער דזשו! — האָט דער זייגערמאכער זיך גענומען פלאָנטערן — אָ, מיסטער דזשו, ביטע זייער, עליכם שלום ר' מיסטער דזשו, קומט נענטער, ביטע זייער.

— און ווער שפילט דאָס ביי אייך אויף א מאנדאָלינע? טרעט מיסטער דזשו ניט אָפּ פון זיין פראגע און מאכט א שווערן אָנשטרענג צו געבן א לייכטן טריט אי-בערן צעבראָכענעם טרעפּל.

דער זייגערמאכער צולאכט זיך גוטמוטיק און נעמט אוועקרוימען די דריבנע כלים אין א זייט: — א מאנדאָלינע זאָגט איר? אייסעך וואָס, עפּעס א קלאָגעטשינע, געפונען ערגעץ אויף א בוידעם, מיט צעהרגעטע סטרונעס, מיט אן אָפּגעהאקטן קאָפּ, אָבער מירעלע האָט אזוי לאנג געשטוקעוועט און געמאָנרעוועט, ביז עס האָט גענומען ארויסגעבן טענער... אָבער ווייטער, ס'א שברי כלי. — מירל! מירעלע! — האָט דער זייגערמאכער גענומען רופן זיין טאָכטער — מירעלע קום נאָר אריין, דער מיסטער דזשו וויל דעך זען.

געלאסן האָט זיך אונטערגעהויבן א געבלימט פאָרהענגל, אויפגעדעקט אן אויס-געפוצטע שויב, ס'האָט א בלענד געטאָן א שווארצער קאָפּ מיט צעשויבערטע לאָקן און א פּאָר טונקעלע ביר-אויגן האָבן א גיכן מעסט געטאָן דעם מיסטער דזשוס גלאנציקן פּליך מיט די פּאָר געציילטע האָר, ווי דינע דרעטלעך אויף א שיטער קעמל.

— „האו דו יו דו מיסס מירא" — האָט איר מיסטער דזשו דערלאנגט די האנט מיט אזא עלעגאנץ, אז ער האָט זיך אליין אזש פארשעמט און באלד זיך גענומען ישובן: זאָל ער זי אירצן? דוצן? אָדער גאָר אינגאנצן איגנאָרירן? נאָך אלעם איז זי דאָך נאָך א קינד... און לסוף אָנגעהויבן בלשון רבים:

— "יונאָ, מיסס מירא, עץ זענט דאָס טאקע די דאָזיקע נייערין? עקסקיוזמי, כ'וויל זאָגן, די שטריקערין? אך פאַרדאָן, כ'מיין צו זאָגן די העפטערין"?

מירל, אין א קרעטאָנענעם "דירינדל", וואָס האָט איר טונקעלע הויט געגעבן אַן אָריענטאַלישן אויסזען, פּרואווט אביסל שטיפעריש אים ארויסצופירן אויף א גלייכן זועג:

— וואָסזשע, מיסטער דזשו, איך קוק ניט אויס צו קענען די מלאכה?...

— אָ, פּאַרקערט, "איים בעג יור פּאַרדן" — נעמט ער מישן יידיש מיט ענגליש — אדרבה, סאַ "סיורפּריז" פאַר מיר, געמיינט עפּעס א מיידלטשינע... און דאָ — הלואי האָב איך אזא... כ'מיין אזעלכע מיידלעך אין מיינע ביזנעס, וואָלט עץ ביי מיר געווען די "פוירסט-ליידי"...

— אזוי, אזש די פוירסט ליידי? — האָט מירל איבערגעחזרט, ניט וויסנדיק וואָס דאָס מיינט.

מיסטער דזשו כאַפּט זיך דערוויילע צום טייסטער, ציט ארויס א גרינעם באַנקנאָט, וואָס האָט אזוי געציטערט אין זיין האַנט, גלייך א ווינטל וואָלט אים געבלאָזן צווישן די פינגער:

אָ קעי, מיסס מירא. אָט איז האַנט-געלט און ס'איבעריקע וועט שוין זיין אָלרייט...

מיסטער דזשו האָט זיך אויסגעדרייט צום זייגערמאכער, גוטברודע'ריש אים א קלאַפּ געטאָן אין די פּלייצעס און ווי א גוטער ביזנעסמאַן ווען דער מסחר געפעלט, נאָכאמאָל אים א קלאַפּ געטאָן אין די פּלייצעס:

— אזוי, אזוי ר' איסר, גאָר ניט געוואוסט, אז עץ האָט אזא... געמיינט מען מאכט לצנות, אָבער, זי קוקט שוין אויס א כלה-מויד!... און זי, הייסט עס, וועט דאָס מאכן ס'פּרוכת?...

— וואָסזשע, א קונץ ביי איר? — האָט דער זייגערמאכער זיך א גרויס געטאָן — נו, און "מצה-טאַשן" העפט זי ניט? און חלה-טישטעכלעך? און כותל-מערבים? און אז א פויגל וועט ענק פליען איבערן דאך, וועט זי אים ניט אראָפּכאַפּן מיטן אויג? א קונץ ביי איר...

— כ'לעבן ר' איסר — בייגט זיך מיסטער דזשו צו צום זייגערמאכערס אויער

— אז עץ פארמאָגט אזא מיידל, מיט אזעלכע גאָלדענע הענט, נאָך וואָס זאָל זי "פאר-וויענגלען" אין אזא העק? הא, ר' איסר? טוט נאָר א גוטן טראכט...

— מילא, נו, הייבט זיך אָן א מעשה. פאראן א שטיקל נעסט מיט צען "טויבן", נאָכזאָל ארויסלאָזן איין טייבעלע? אכיבע עס וועט אליין ארויספליען, איז דעמאָלט, מילא...

מיסטער דזשו האָט ווידער א גלעט געטאָן זיין טייסטער: — ס'אַלרייט ר' איסר, מ'וועט שוין עפּעס א טראכט טאָן... נאָט אייך קודם אנאדערויף, ריסעוועט אויס א שיינע זאך און מירל זאָל מאכן וואָס מען דארף דאָרט מאכן, איך וועל ניט זשאלעווען קיין דאָלארן... אָ, דאָס איז פאראן פלענטע...

*

* *

ווען מיסטער דזשו איז אוועק, איז די זון שוין געלעגן א קרענקלעכע מער פון-דרויסן, ווי אינעווייניק. ס'איז פּלוצים געוואָרן בין־השמשותדיק-טונקל. א פּאָר דרימ-לענדיקע וועק-זייגערס, האָבן זיך ווי אויפגעכאפּט פון שלאָף, זיך אימה־דיק צעקלונ-גען, אלע אין איין רגע. עטלעכע וואנט-זייגערס האָבן באלד אקאָרדירט מיט זייער גראָבלעכן בים, באָם, באָם. די טונקעלע שטוב האָט זיך איינגעהילט אין געדיכטע שאָטנס. אונטערן זייגערמאכערס פענסטער האָבן שוין חדר-יינגלעך געזונגען:

— ליי, ליי, ליי, ליי, האָץ א גוטע נאכט

ווי מע גיי מע, ווי מע שטיי מע,

זיינען די לאָדן פארמאכט"...

דער צעטומלטער זייגערמאכער, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן מיט דאָלארן אין האנט, האָט ניט געגלוסט מער צום ווארשטאט... מיט גרויס כונה האָט ער זיך געשטעלט דאווענען מנחה... אויך ד'י פארחלומטע מירל האָט מער ניט געחשקט צו דער מאנדאָלינע, וואָס האָט געטרויערט אין א ווינקל, ווי אן איבערגעריסענע סימפאָניע... א פיינלעכע שטילקייט האָט בולטער געמאכט דאָס מאָנאָטאָנע טיק־טאקן פון צענד-ליקער זייגערס. מירלען האָט געשיינט, אז דאָס קלאפּן ניט קיין זייגערס, נאָר חוזקדיקע העמערלעך מיט אזעלכע מאָדנע קלעפּעלעך. קלאפּן אויס בלויז איין נאָמען:

— אשמדי! אשמדי! אשמדי!...

דעם זייגערמאכערס ווייב, אין איר צייגענער קופּקע, יום־כּיפּורדיקע פּייכטע אויגן, מיט אן אייביק פאַרטרויערט פּנים, האָט זיך שאָטנדיק באוויזן פון קיך ארויס. פון דער שטוביקער טונקלקייט, האָט איר הונגעריקער נייגיר, מער דערפילט, ווי דער־זען, אז אין איר מאנס הענט לייכטן גרינע באנקנאָטן... אירע מרה-שחורה׳דיקע אויגן האָבן זיך באלד א צינד געטאָן מיט שמחת־תורה׳דיקער פרייד... זי האָט גלייך באנומען, אז דער אמעריקאנער "אליהו-הנביא" איז דאָ געווען... אויף גיך האָט זי אָנגעצונדן דעם האלבן "בליצער", אויסגעפוצט דאָס פארקאָפּטשעט גלעזל, ווי צו קבלת שבת און בעת אן אויסטערלישע העלקייט האָט פאר׳יום-טובט די אָרעמע שטוב, האָט זי מיט א פריידיק קול גענומען צוזאמענרופן אירע טעכטערלעך, ווי א קוואָקע אירע הונ-געריקע טשיפּעלעך:

— קימץ אריין! קימץ אריין, ווי זענטיץ ערגיץ, קרוינעלעך מאנע? יעד גאי שוין קאָכן קליסקאלעך מיט ביבאלעך — קימץ אריין! קימץ אריין!...

*

* *

דאָס גאנצע שטעטל: הימל און ערד און א פליושענער פּרוכת...

מירל, אין א ווינקל פון אלקער, מיטן שטיק פליוש איינגעפּרעסט אין א טאָמבור האָט גאנצע טעג געדזשאבעט מיט א גרויסער צערע-נאָדל דעם ווייסן בייגוול, אויס-געבעט די בייכער פון צווי גרויסע לייבן, וואָס איין העלפט פּנים איז געווען שטרענג און דאָס צווייטע — מילד. גרינע צעדער־בוימער האָבן ארומגעזוימט די ראנדן. א פיר־קאנטיקע ראם האָט אין זיך איינגעפּאסט די לוחות. ארום די לוחות, פליענדיקע מלאכימלעך מיט זאנגען אין די מיילער. איבער דער גאנצער ברייט, צווי פארקיילע-כיקטע אותיות: "זאת התורה".

מירל האָט יעדן טאָג געשאפן עפּעס נייעס: אָט א קווייטעלע, א ניי בלעטעלע, א גרעזעלע, וואָס האָט כסדר פארשענערט און באררייכערט די זעלטענע העפטעריי. דאבי האָבן זיך אירע שווארצע לאָקן געוואָרפן צום טאקט פון דער נאָדל — א סימפאָניע...

און הינטער מירלס פענסטער — אן אָנגעלויף, א געשטופּעריי און — רכי-לותלעך:

— לאָזט א קוק טאָן אויפן שווארצן באשייניק, זי מיינט דען ס׳פּרוכת? זי מיינט — דאָלארן...

— אסור, ס׳הייבט זיך ניט אָן, א חתן מיינט זי...

— אזוי זאָגסטו, א חתן? נו, און אירע 9 שוועסטערן? זיי זיינען דאָך שענער אין עלטער פאר איר...

— אָט האָסטו דיר, א דאגה דער באבע. עלטער, גאָיט שוין גאָיט, יעדער האָט גאָר זיך אין זינען...

— ער קען דאָך אָבער זיין איר טאטע, דער מיסטער דזשו?...

— זעסטו, אויך מיר א זאָרג. די דאָלארן וועלן אים שוין פארקירצן די יאָרן...

אויך בחורים זיינען אָפּגעשטאנען שעהן, ליב געהאט צו קוקן אויף מירלס באַ־וועגלעכע פינגער, ארויסגעזאָגט געדאנקען, פילאָזאָפירט:

— דאָס זיינען ניט קיין פינגער ביי מירלען, נאָר קלאווישן...

— זי העפט דען די שווארצע מויד? זי שפּילט מיט דער נאָדל...

— און אירע ליפּעלעך? קוקט נאָר אָן די ליפּעלעך, זיי העלפן איר אונטער, ווי משוררים א חזן...

בעל-מקנא׳ניצעס האָבן געהאט א באזונדערן נוסח:

— ער וועט שענקען א פּרוכה דער מיסטער דזשו און וועט קריגן דערפאר א יונגע כלה...

— הייבט זיך ניט אָן, זי וועט אים אויסמאכן ס׳אויער און שפּעטער — רוף מיך קנאקניסל...

— ש׳געשטויגן, ש׳געפלויגן. מיסטער דזשו איז עפּעס א קליין קינד? זי וועט ליגן ביי זיינע פיס...

*

* *

אין זייגערמאַכערס שטוב האָט דערווייל געשמעקט געגנדזענער קרופּניק, היגערשע יויד׳ן און אַפילו בלינצעס מיט קעז האָבן אַרויסגעלויכטן פון דער סערוואַנטקע... דער תמיד פאַרקאָפּטשעטער קוימען האָט אויפגעלעבט, באַקומען אַן אויסגעוויסט פּנים... אונטער די אייזערנע פּייערקעס ווײַנען ניט מער קיין נאַסע דרענגלעך. מירלס מוטער דאַרף ניט אַרויסדעכען אירע קראַנקע לונגען ביים צעזשאַרען אַ פּיצל פּייערל... איצט קנאַקן דאָרט לעבעדיק און לוסטיק אַזעלכע טרוקענע, וואַלדיק־שמעקנדיקע העלצער און עס קלעקטשעט אין די "פּסח־טעפּ" געפּרעגלטע גריישלעך, געפּילטע קישקע, און פונעם געהייצטן אויוון שמעקט אַרויס "סעודה־קוכן", "פּאַליעכלעך", שטעפּנט"... אַפילו די זון־שטראַלן, וועלכע פּלעגן דאָרטן תמיד לייכטן אונטער די בעטן, זיינען אויך איצט אַרויס פון זייער באַהעלטעניש, טאַנצן מיט אַ גאָלדן פּנים אויפן שמעקנדיקן פּוטער־געבעקס, און מירסלס מוטער, אַ צעפּלאַמטע, אין שבתדיקן פאַרטוך, איז יעדן מכבד מיט אירע "מאַדאַנים": — פאַרזיעכץ טייערינקע, זאָל ענק זיין צום געזונט...

— און עץ זאָלט דערלעבן מגדל צו זיין די רעשט טעכטער... האָט מען איר שוין באַצייטנס צוגעוואונטשן.

אַפילו דער זייגערמאַכער, וואָס פּלעגט תמיד מבטל מאַכן די פּרעסערישע עולם־הזה׳ניקעס, האָט אויך איצטער טיפער איינגעאָטעמט די באַטעמטע שטוב־ריחות, וואָס האָבן אים ניט געלאָזט רואיק איינזיצן ביים וואַרשטאַט... און ניט איינמאָל האָט זיך ביי אים פאַרגנבעט אַן אַפּיקורסישער געדאַנק, אַז, נאָך אַלעם, הייסט דאָך די תורה אויך הנאה האָבן פונעם בידנעם שטיקל לעבן, און אַבי מען האָט נאָר ווי געהעריק אָפּצועסן, איז דאָך די וועלט אויך ניט קיין מיאוס שטעטל...

דערווייל האָבן האַרבסטיקע רעגנס אָנגעיאָגט געדיכטע בלאָטעס. פאַרשטייט מיס־טער דזשו, אַז מירעלע, מיט אַלע אירע שוועסטערן, מוזן האָבן טיפע קאַלאָשן... און אַז עולם האָט גענומען גיין צו סליחות, פאַרשטייט ער אויך, אַז מיידלעך באַדאַרפן האָבן ווינטער־מלבושים... און אַז מירעלעס קליידל האָט אַ שיינעם דעקאָלט, איז דאָך פּשוט אַ מצווה אָנצוהענגען אַ גאָלדן מגן־דודל אויף איר געסקליאַרוועטן האַלדז.

אין שטעטל האָט זיך דערווייל גערודערט:

— אויפגעריכט אַ גאַנצע שטוב, די ציגיינער־מויד.

— אַזאַ שוואַרץ באַשיניק, מיט שעפּסענע "טשיפּרינעס". אויגאַנעס, ווי ביי אַ ווילדן לאָשיק און ס׳געגנגל אירס, אַ ווינט־מיל... זי האָט אים טאַקע אַריינגעדרייט אין די פּליגל און וועט אים אויסליסקען, ווי אַן אַרבעס.

דרייען זיך ארום אין שטעטל צענדליקער בוגרותן, ווי שטילע טויבן, באדארפן נעבעך א גיכע הילף, קומט שוין יאָ א מיליאָנטשיקל, וויל ער נאָר דעם משוגענעם "שטראַנץ"... נעבכיי וואָלט ער כאָטש גענומען איר עלטסטע שוועסטער? גייך, נאָר דווקא דעם "וויסקראַבעק"...

*

* *

זינט מירל האָט גענומען העפטן דאָס פּרוכת, פלעגט אין די נאָכמיטאָג־שעהן זיך שטיל אויפמאכן די אלקער־טיר און נאָך שטילער, כמעט אויף די שפּיץ־נעגל, האָט זיך גענומען ארייגנבענען דעם שכנס בן־יחיד, חיימל. א שלאנקער בית-מדרשניק, מיט גרינלעך פארחלומטע אויגן, שאטינע פאות און נגידיש-קזשיפּנדיקע שטיוועלעך, וואָס נאָר זייער ווייכער שאָרך פלעגט פאראטן זיין שפּיץ-נעגלדיקן ארייגנקום... אין אָנהויב פלעגט חיימל קומען כלומרשט געוואָר צו ווערן, ווי שפּעט עס איז?... געגעבן א קליין קוקעלע אויפן וואנט־זייגער, נאָך א קלענערס אויפן פּרוכת און קוים מיט א האלב אויג אויך אויף מירלס קיילעכדיקן פּנים... שפּעטער איז ער געקומען מיט תי-רוצים וועגן טוישן א ביכל, בארגן א ספרל און לסוף זיך גענומען ארייגשלייכן אָן שום אויסרייד, זי דשטיל אוועקגעשטעלט לעבן מירלען, געקוקט אויף איר העפטעריי, זיך טיף איינגעהערט אין אירע זשומענדיקע ניגונימלעך און טיילמאָל, גאָר פלוצים, א לייג געטאָן זיין ווייסע האנט אויף די אויסגעהאָפטענע לייבן, גענומען גלעטן דעם גלאנציקן שעך, די געזילבערטע אותיות, און אזוי גלעטנדיק, דערלאנגט צו מירלס פינגער... א צארטע רויטקייט האָט אויפגעפלאַמט איןביידנס פּנימער. מירל, די אויגן פארטיפט אינעם רויטן שטיק פליוש, האָט גענומען מאכן קרימע שטעך... חיימל האָט זיך אראָפּגעבויגן כלומרשט אָפּצופּוצן א פלעק אויף זיינע נאָסקעס... אזוי טאָג־איין, טאָג-אויס, ביז, מירל האָט גענומען פילן אויסטערלישן אומרו אין יענע שעהן, וואָס חיימל האָט געדארפט קומען... און טאָמער האָט ער זיך א טאָג ניט באוויזן, האָט זי מער ניט געפילט קיין טעם אין דער גאנצער העפטעריי, גלייך זי וואָלט דאָס דאָזיקע פּרוכת גענומען מאכן נאָר צוליב דעם, אז חיימל זאָל עס יעדן טאָג קומען גלעטן... און פּונקט ווי אויפן רויטן שטיק פליוש איז מיט יעדן טאָג צייטיקער געוואָרן, די בוימער, די לייבן, די עשרת־הדברות, אזוי איז אויך יעדן פרימאָרגן אויפגעגאנגען א ניי געפיל, וואָס האָט זיך געצייטיקט דורך טעגלעכע פינגער-באַרירונגען. א געפיל, וואָס איז מיטגעוואַקסן צוזאמען מיט דער רייפונג פונעם פליושענעם פּרוכות. דאָס

דאָזיקע שטיק פּליוש, האָט אויפגעהערט צו זיין א טויט שטיק סיץ, נייערט אויך גע-וואָרן דער לעבעדיקער פאַרמיטלער צווישן צוויי יונגע אויפגייענדיקע לעבנס... מירל האָט איצטער ניט געהאָפטן בלויז געדאַנקען פון תנ"ך, נאָר געוועבט שטיקער לעבנס-תורה... אינעם צאַרטן געפלעכט פון זילבער אויף פּליוש, האָט די דאָזיקע אויפגייענ-דיקע ליבשאַפט אויסגעקוקט א מין דריילינג... דאָס האָבן פעדים-שטעך, ניט בלויז מאָדעליזירט א מלבוש צו פאַרהילן די הייליקייט, נאָר גאָר אויפגעהילט די ערשטע געפילן צווישן מאַן און פרוי... א מין נייער "בראשית ברא אלהים"...

און אין שטעטל וואַקסט דערווייל דער טאַראַראַם.

— פאַרקנאַקט איבערן קאָפּ דעם מיליאָנערטשיק. שוין ניט געהאַט אין וועמען זיך צו פאַרליאַפּען, נאָר אין דעם "משולחת"?...

— זי וועט אים אָבער אויסשיטן, דיציגיינערין, איר וועט זען...

— איך שווער, אז זי וועט ניט שיטן. אזא גביר שיט מען ניט...

— דערווייל אָבער האַלט ער אויס א גאַנצן הארעם...

— ער וועט אייביק ניט האַלטן, ער וועט אַרויסנעמען די קו פון שטאַל און פאַר-מאַכן ס'טירל...

אָט אזוי זיינען די פּליאָטקעס דערגאַנגען ביז לעגענדע. אָרעמע מיידלעך זיינען דערווייל מירלען מקנא געווען. נייגעריקע ווייבער האָבן פאַר מירלען געמאַכט א וואָרע, זיך גענייגט און געבוקט, ווי פאַר א פּרינצעסין. שניט-קרעמער האָבן אונטערגעשיקט זייערע משרתים: — מירעלע, אפשר באַדאַרפן זי א גוט שטיקעלע "סאַטינדיליאָן", עפּעס א טערקישן זייד פון עכטן "משימטשע מיטשא"..." אָדער גאָר א זיידענעם טיול אויף א ברייטן וועליאָן?...

שוסטערס האָבן געוואָלט וויסן, אויב זיי וועלן האָבן די זכיה צו מאַכן מירלס ווייסע חופּה־שיכלעך... בעקערס האָבן געחלומט, אז מען וועט ביי זיי באַשטעלן די לעקעכער מיט די פלאָדינס...

בלויז איין מירעלע האָט אויף דער דאָזיקער סימאַטאַכע געקוקט מיט א פאַרבאָרגן שמייכעלע און געטראַכט אין דער שטיל: גלייכער די איצטיקע קאָמעדיע, איידער חלי-לה א שפּעטערדיקע טראַגעדיע...

*

* *

ס׳איז אָוונט. מירל אָנגעבויגן איבערן פּרוכת מאָדעלירט שוין די לעצטע שטעך. אַן עלעווער-נאַפט-לאָמפּ וואַרפט רויטלעכן שיין אויף דעם פאַרענדיקטן קונסט-ווערק, וואָס שעמערירט מיט אַזאַ בליאַסק, גלייך עס וואָלט ניט געווען פון זילבער־שעך, נאָר גערהאַפטן מיט זון-שטראַלן. מירל שוין מיט בולטע קאָנטורן פון צייטיקער פּרויען־שאַפט, שפּרייט אירע געדיכטע לאָקן איבערן פולן דעקאָלט, ווי געדרייטע הבדלות אויף אַ ווייסן טישטוך. עפּעס אַ טיפע בענקשאַפט, אַ סודות׳דיקע, באַוועלטיקט איצט איר גאַנץ וועזן. דורך דער האַלב-אָפּענער טיר קילט מחיהדיק אַן ערב ראש־השנה-ווינטעלע. דער אויסגעשטערנטער הימל איז אַזוי נאָענט, מיט די הענט צו דערלאַנגען... און די פולע לבנה שפּאַצירט אַזוי איינזאַם איבערן פאַרשלאָפענעם הימל און האָט אַזאַ פאַרבענקט פּנים, וואָס עס קען נאָר האָבן אַ פאַרבענקטע לבנה אין אַ קליינשטעטל־דיק, האַרבסטיקן ראש-חודש אלול.

אַ שטילער שאָרך ביי דער טיר.

מירל צאַפּלט אויף: חיימל? זאָלן מיינע פאַרבענקטע רעיונות אים האָבן אַרויס-געכישופט?

— האַלאָ מירל! — טוט אַ הייזעריקלעך קול וואַויל־יונגעריש אַ רוף — האַלאָ, געפינישט די ביזנעס?...

— אָ, מיסטער דזשו, איר גאָר?

— אויף וועמען דען האָסטו איצטער געוואַרט?

— געוואַרט? — פרעגט מירל איבער ווי אין טראַנס און פילט אַז עס קלאַפּט איר אַזוי דאָס האַרץ, ווי ביי איינעם וואָס מען האָט געכאַפּט ביי דער האַנט...

— פאַרטיק אייער באַשטעלונג — טוט אים מירל אַ ווייז אויפן פאַרענדיקטן פּרוכת. איר קענט עס שוין לאָזן אויפהענגען.

— דאַרפסט זיך ניט איילן מירעשי, — רעדט מיסטער דזשו איצטער דאָס פאַר-קערטע וואָס פון אָנהויב — צו וואָס די איילעניש, איך אַנטלויף נאָך דערוויייל ניט צוריק... בפרט ווען... לאָמיר זיך טאַקע ניט נאַרן, מירעשע, אַזעלכע מיידלעך ווי דו, וועלן דאָ גיין אין ניוויטש, פאַרשטייסט?... אָבער דאָרטן, באַרינץ אינאַמעריקע — אַ קעניגין... פאַרשטייסט?

— יאָ, כ׳פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי — האָט מירל געענטפערט פאַרחלומט און פאַר־טראַכט — אוודאי פאַרשטיי איך...

מיסטער דזשו פאַרשטעקט דערוויל די הענט אין זיינע קעשענעס, פונדאַרטן, האָפט ער, וועט קומען די גאנצע הילף... ער קוקט אויף מירלען מיט אַן אויגל, ווי דורך א לאָרנעטע און חזרט איבער:

— לאָמיר זיך טאקע ניט נאַרן, מירעשי, האָסט עפּעס בעסערס אין שטעטל? ס׳איז דיר א שאָד די היגע בלאָטעס. דער רינשטאָק? די יאַמע־גאַס מיטן הקדש? — באַרינע אזא ליידי — א פּרינצעסין...

מירל טוט אים א ווייז אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל: — א פייג האָט איר דאָרטן אזא הימל, ער פאַרבלענדט דאָך אלע רינשטאָקן...

מיסטער דזשו ציט געלאסן ארויס פון טאש א פּאָר גרינע באַנקנאָטן, צעשיט זיי איבערן אויסגעשפּרייטן פּרוכת, ווי האָפן בעת א חופּה: — הימל, שטימל, וועסט דיר אים אָנטאָן פאַר א קליידל דעם הימל? וועסט אים קאָכן אויף וועטשערע, דעם הימל? אָבער, אָט דאָס מירעשי, די דאָזיקע גרינע ״לאָקשן״, זיי פאַרבלענדן אלע זיבן הימ־לען — פאַרשטייסט?

מירל נעמט געלאסן א באַנקנאָט, דרייט אים אין אלע זייטן און טוט פּלוצים א שטיפערישן ריס...

מיסטער דזשו כאַפּט איר מיט שרעק ביי די הענט.

מירל, גלייך א שד וואָלט אין איר אריין, נעמט רייסן ווייטער, ווייטער... ס׳ליגן שוין העלפטן, באלד פערטלען און אָט — קרישקעלעך... מירל שרייט אויס ווי א באַ־נומענע: — נאַט אייך אייער הימל! אָט האָט איר א הימל! — ״אשר יצר׳לעך״... און גייט אייך געזונטערהייט...

א קאַלטער ווינט האָט א הויב געטאָן די געשטריקטע פאָרהאַנגען. עס האָט זיך דערהערט א פאַרבענקטע בילעריי פון איינזאמע הינט, וואָס האָט נאָכמער אונטערגע־שטראָכן די געררייצטע סיטואַציע. א קליין ווייס קעצעלע האָט פּלוצים פון פּריפּעטשיק א שפּרונג געטאָן, זיך אוועקגעזעצט קעגן טיש און גענומען קוקן מיט אזא קעציש ן נייגיר, גלייך עס וואָלט איר שטאַרק אָנגעגאַנגען דער סוף פון דער דאָזיקער מעשה...
א שטילער קלאַפּ אין דער אַלקער־טיר האָט איבערגעריסן די אָנגעצויגענע שטי־מונג.

ביי דער שוועל שאָטנט זיך ארויס פון דער טונקלקייט דעם שכנס בן־יחיד, חיימל. אויף זיין שארף־געפורעמטער גאָמבע, ערשטע שפּראָצן פון בלאָנדע הערעלעך. אין זיינע גרינלעכע אויגן, א שימער פון הוילע רוחניות, גלייך זיינע רעיונות וואָלטן נאָך פארנומען געווען מיטן פלפול פון "כבא קמא", "בבא מציעא". אין זיין פארמוח־טן קוק — אן אָפענע גמרא.

מיסטער דזשו, וואָס האָט שוין א פּאָר מאָל דאָ געטראָפן דעם דאָזיקן בית־מדרשניק, איז איצטער געבליבן פארגאַפט, הוילער חידוש, גלייך ער וואָלט אים ערשט איצטער, צום ערשטן מאָל אויף אן אמת׳ן דערזען... מיסטער דזשוס מאָגערע פּנים האָט איצט אויסגעקוקט, ווי איין לאנגער פרעג־צייכן. אָבער אין זיין באלדיקן אויפגעפלאמ־טן בליק, איז שוין געלעגן די קלאָרע תשובה: — יאָ, אָט דאָס איז דער אומגליק...

באגאָסן מיט א שארפער רויטקייט, האָט חיימל זיך גענומען פלאָנטערן ביים טיר. אָט פארטשעפעט זיין ארבל, אָט זיך אויסגעגליטשט, אומגעווארפן א בענקל, שיעור אליין ניט געפאלן, ביז לסוף אביסל פלוטעוואטע זיך א ווענד געטאָן צו מירלען:

— קענסט מיר אפשר אנטלאַיען דינעזאָנס "שווארצער יונגערמאנטשיק"?...

מירל עפנט אויף דאָס ספרים־שענקל, נאָר איידער זי נעמט ארויס דאָס בוך, פאלט גלייך א צווייטע קשיא:

— און ווי האלטסטו מיטן "ביינאכט אויפן אלטן מארק"?

— כ׳האלט אינמיטן.

— און דער "דיבוק"? פליסן שוין חיימלס רייד גיך, מיט א ציטער אין קול, ווי פון א טרינקענדיקן וואָס זוכט זיך צו ראַטעווען אין א שטרוי...

— "דער דיבוק"? — זוכט מירל דערוויילע עפּעס א פּאָרטל צו קענען ענדערן די געדריקטע שטימונג און טוט זיך ווילצלעריש א זאָג: — מ׳וועט אים ארויסטרייבן דעם דיבוק, נישקשה, עס גייט דאָך צו ראש־השנה, מ׳וועט בלאָזן שופר, וועט ער אליין ארויספליען.

אָבער, ס׳האָט ניט געהאָלפן, דער קלעם פון דריי מענטשן איז נאָך שטארקער געווארן, נאָך פיינלעכער. חיימל, כלומרשט פארטיפט אינעם לייענען האָט געפילט, ווי שווארצע שדימלעך טאנצן אים פאר די אויגן. און מירל האָט זיך גלאט מורא געהאט א ריר צו טאָן, געשראָקן ס׳זאָלן ניט פאלן קיין פעטש...

מיסטער דזשו האָט פּלוצים א כאַפּ געטאָן די צעריסענע שטיקלעך דאָלאַרן, א לויף צו דער טיר און שוין אויף יענער זייט שוועל ארויסגעסיקעט:

— געמיינט מי-יודע ווער? א גראַף? א פירשט? אָדער גאָר א קרוין־פּרינץ? היינט נאַדיר גאָר א באַנק-קוועטשער! גוד ביי!!!

אין מיסטער דזשוס פאַרהאַקן די טיר, האָבן מירלס שוועסטערן שוין געוואוסט אַז — אויס יום־טוב... מען מעג שוין פאַרלעשן דעם קוימען, אויסכשרן די פּסח-טעפּ און צוריק אראָפּנעמען דאָס חמצדיקע געפעס...

מירלס פאַר׳דאַגהטע מוטער, האָט צוריק אויסגעטאָן דאָס שבתדיקע פאַרטוך און גענומען מוסרן אויפן קול:

— אַזאַ בייז באַשריגעניש, האָט ניט קיין יאַנדעס הלב, קיין טראָפּן רחמנות אויף 9 שוועסטערן... גאַקעט און באָרוועס... האָסט זיך גענומען א מאַנקאָליע אין קאָפּ אריין — חיימל, דעם רייכן טאַטנס בן-יחיד, מיט סמיכה אויף רבנות, ער וועט כאַפּן אַן אָרעמע מויד, באשר בכן האָסט זעך פאַרכליאַפּעט? נו, קענסט זעך פאַרליאַפּען אין קעניג קאַראַל אויך... וועסט שוין אָבער זיצן ביזן גרויען צאָפּ אריין און צוזאַמען מיט דיר, די רעשט שוועסטערן... געדענק מיינע רייד... הלואי כ׳זאָל א ליגנט זאָגן.

*

* *

מירלען האָט איר מוטערס וואָרנונג קיין רו ניט געגעבן, ניט געלאָזט איר איינ־

שלאָפן... עס אַרט איר ניט וואָס זי אליין וועט פאַרזיצן... אָבער אירע שוועסטערן? געוואַלד געשריגן — די שוועסטערן? אפשר זיך טאַקע מקריב זיין פאַר זיי?...

מירל האָט זיך א גאַנצע נאַכט געמאַטערט אויפן צעקנאָדערטן געלעגער. אָט זיך געזעגן אַלס דאָס ווייב פון מיסטער דזשו און — געשווידערט... און אָט — די כלה פון חיימל... אַזאַ גליק... אָבער די מאַמע איז דאָך גערעכט: חיימל איז א רייך קינד, אַן עלוי און זי — אַן אָרעמע מויד. ער וועט זי ניט נעמען...

ערשט ווען יונגער טאָג האָט אויסגעבלייכט איר געבערגלט קישן, איז מירל אריינגעפאַלן אין א שלומער... באַלד האָט זי דערזען אירע אַלע שוועסטערן אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, מיט שוואַרצע רעמלעך אונטער זייערע אויסגעוויינטע אויגן און מיט

גרויע צעפּ אויף זייערע איינגעבויגענע פּלייצעס... מירלען האָט ארומגעכאפּט א טיפער רחמנות אויף זיי... זי האָט געגומען לויפן איבער בערג און טאָלן, איבער שטאָק און שטיין. זי מוז אויפזוכן דעם מיסטער דזשו, זי וועט אים זאָגן, אז — יאָ! זי באשטייט... זי וועט ווערן זיין "פוירסט-ליידי", וועט מיטפאָרן מיט אים צו זיינע "ביזנעס", אָבער נאָר מיט איין באדינג: — צוזאמען מיט אלע שוועסטערן... באשטייט ער, איז גוט.

לויפנדיק, טוט מירל דערוויל א פאל אנידער לעבן חיימלס פענסטער, זי זעט אים זיצן ביי דער אָפענער גמרא, זיין מעלאָדיש קול קלינגט איבערן גאנצן געסל: — "אמר אביי, האָט אביי געזאָגט"...

מירל וואָס קען שוין טייל גמרא-פּשטלעך, וועלכע חיימל האָט מיט איר געלערנט, ווייסט, אז וואָס אביי זאָל ניט זאָגן, וועט באלד רבא טייטשן דאָס פארקערטע, חיימל האָט איר שוין ניט איין מאָל דערציילט וועגן דער שטענדיקער פלוגתא צווישן די דאָזיקע צוויי אמוראים. איצטער פּרואווט זי צוצוגעבן איר אייגענעם נוסח:

"אויב צוויי געלערנטע קענען צווישן זיך מחולק זיין אין דער דעה, למאי זאָלן עס ניט קענען פּשוטע בשר ודם'ס... און פּארוואָס טאָקע ניט קענען ספיקות אין איר מוטערס א צווייפלדיקער וואָרנונג?... דעם מענטשנס גורל איז דאָך סיי ווי באשטימט פון פאָרויס, זאָל זי עס אפשר ראויך לאָזן צום גורל? — שאַ, זי וועט גאָר א פרעג טאָן חיימלען וועגן דעם... אָבער, גאָט מיינער, וועמען זעט זי דאָ? עס איז דאָך גאָר מיסטער דזשו, ער גייט איר אנטקעגן מיט אזוי פיל פעקלעך אין די הענט, ער איז אינגאנצן באלאָדן מיט פּעק, מען זעט אים קוים ארויס.

— אָט איז פאר דיר א וויפּראווע — רעדט ער ארויס פון צווישן די פּעקלעך. —

און אָט איז פאר דיינע אלע שוועסטערן... אלץ אי זשוין פּארטיק... ביסטו גרייט?

מירל האָט דערזען א פארכמארעטן הימל, געזען ווי אויף וואטאָווע פּעלצן פאלן געדיכטע שנייעלעך, בררר... עס גייט צו ווינטער, זי זעט ווי בעל-עגלות נעמען אויף באגלייטערס צו דער באן: — וואָסזשע מען גיי טשוין פאָרן? זי האָט זיך דאָך אפילו ניט געזעגנט מיט אירע טאטע-מאמע... און וואו זיינען די שוועסטערן? אָן זיי פאָרט זי ניט...

אָט טשאפּעט מויקע אין די נייע "וואיליקעס" און העניע מיטן האָרב זשאמזשעט שטיקער לעקעך און שרייט: — מזל-טוב כלה לעבן!... און אָט זעט זי די "חברה כלה"

אין זייערע שבתדיקע קאַפּאָטעס, זיי טראָגן דאָס פּליושענע פּרוכת אויסגעשפּרייט, ווי א חופּה... און דער שמש מיט א בייטש אין האנט, טרייבט מירלען, ווי מען טרייבט אן אָקס צו דער שחיטה, שרייענדיק: — זאָל זי שוין ארונטערגיין די כלה! א סוף, אן עק, עס ווערט שפּעט, מען דארף ליכטצינדן...

פּלוצים דערזעט מירל אלע פינף העפטערינס, אָנגעטאָן אין ווייסע חופּה-קליידער. זיי שטייען אלע גרייט, טאָמער וויל מירל ניט ארונטערגיין אונטער דער חופּה, וועלן זיי פארכאפּן איר פּלאץ... אין מיסטער דזשוס אויגן זעט מירל פריידיקע פייערלעך. ער כיכעט אויפן קול: — בארינץ אין אמעריקע קען מע זאלצדינג קויפן פאר דאָלארן... און דאָ וויל אזא שנעק, אזא שטראָנץ, חוזקן פון באנקנאָטן?... צעריסן דאָלארן, לאכן פון עשירות? נו, וועט מען זען ווער עס וועט לאכן דער לעצטער... וועלן מיר טאקע זען...

אָבער אָט דערזעט גאָר מירל א לויה. איר מוטער ברעכט זיך די הענט, אירע שוועסטערן מאכן קולות: — אזא יונגער בוים! נעבעך געפאלן א קרבן צוליב אונדז...

מירל פארשטייט, אז דאָס גייט מען נאָך איר אייגענער לויה... אָבער, זי פילט דאָך לעבן, זי אָטעמט, באוועגט זיך: — ניין! שרייט זי אויס, כ'בין נאָך ניט געשטאָרבן! איך לעב, מאמעניו!...

*

*   *

ווען מירל האָט זיך אויפגעכאפּט מיט א געשריי, איז די זון שוין געלעגן אויף איר בעט, ווי א פּרוכת פון ווייסן אטלאס... די זילבער־שטראלן, ווי סטענגעס אין אידע לאָקן, האָבן איר ניט געלאָזט קלאָר זען, וואָס עס טוט זיך איצטער אין זייער שטוב... אָבער איין זאך איז מירל זיכער געווען, אז היינט וועט זי מער ניט עסן קיין שאָקאָלאד מיט פּוטער־קיכלעך...

פון וואַרשטאַט האָט זיך צו מירלען דערטראָגן אי רפאָטערס חזניש קול, וואָס האָט ראש-השנהדיק אונטערגעברומט און זיך איינגעחזרט:

— אוי-ווי, אָדם, אָדם, יסודו מעפר, וסופו לעפר...

מירלס שוועסטערן האָבן געשייערט די טעפּ, געסקראָביעט דאָס זיסע טייג פון די

דייזשעס, עס זאָל קיין סימן ניט בלייבן פון דעם פאַרגאַנגענעם טשאַד... אויך זיי האָבן זיך אונטערגעזונגען: — ״אוי מיט קיין געלט טאָר מען ניט שטאַלציערען, מען קען עס לייכט פאַר-ליערען״...

מירל האָט געכאַפּט אַ זייטיקן בליק אויף איר אַנטוישטער מוטער, וועלכע האָט דווקא געקוקט אויף איר מילד, כמעט צערטלעך, אירע מאַמעשע בליקן, גלייך זיי וואָלטן איצט מתפלל געווען צו גאָט, אים געדאַנקט פאַרן גרויסן נסיון וואָס איר שטוב איז ב״ה בייגעקומען...

און ביים זייגערמאַכער אין דער אָרעמער שטוב, האָבן זיך ווידער געטראָגן וואָ־כעדיקע ריחות פון ראַזאָווע ברויט מיט שוואַרצן רעטעך... אָבער אויך זיסע טענער פון דער אַלטער מאַנדאָלינע, און מירל מיט איר פאַרבענקטער שטימע האָט אויפסניי זיך אונטערגעזונגען:

עס דרימלט אין שטעטל, די לאָדן פאַרמאַכט,

צו מיר מיין געליבטער קום, אין אַ שטילינקער נאַכט...

☆

געשפילט אין דריידל

אין רבינ׳ס שמאָלן אלקערל, מיט פירקאנטיקע שייבעלעך, וואָס האָבן זיך איבער־געקוקט מיטן שטעטלשן בית עולם, איז געווען זייער ווארעם און זייער דושנע... די צוויי טוץ גרויסע און קליינע תלמידים, האָבן אומגעדולדיק געוואַרט, אז דער רבי ר׳ יוקעלע, זאָל זיך שוין א נעם טאָן צו זיינע קינסטלעכע דריידלעך, מיט וועלכע ער פלעגט מסחרן אלע ערב חנוכה.

דער רבי ר׳ יוקעלע, מיטן געקרייזלטן בערדל, ווי פון שעפסן־האָר, אין זיינע געדראָטעוועטע ברילן, וואָס האָבן זיך געהאלטן אויף צוויי שטריקלעך, האָט געלאָסן צעזעגט א גראָבן שטעקן אויף עטלעכע קלעצלעך — צעשניטן אויף פיר טיילן יעדעס און מיט א שפּיציקער דלאָטע אויסגעהוילט פיר אותיות: ״נ. ג. ה. ש.״

נאָכדעם האָט ער צעשמאָלצן בלייערנע פלאָמבעס, זיי געגאָסן אין הילצערנע פאָרמען און נאָכן אויסקילן, א צענעם־געטאָן די קלעצעלעך פון וועלכע ס׳האָבן געגעבן א שפרונג ארויס די פרישע, גלאנציקע דריידלעך, אזוי ווי פייגעלעך פון א שטייגל, פון די דאָזיקע דריידלעך, האָט דער רבי ר׳ יוקעלע געהאט זיין אויסקומעניש פאר א האלבן ווינטער... די קליינע יוכבדל, פלעגט פרום א וויש טאָן אירע ליפּן, איינגעצן אירע שפיץ־פינגער און דאנקען דעם, וואָס זי איז נישט ווערט געווען אָנצורופן זיין נאָמען, פארן גרויסן ״נס״ פון חנוכה... אנדערש — פלעגט זי שטיל איינרוימען איר ״גרויסן פרנסה געבער״: ״וואָלט מען באַרינץ געמעגט לאַיגן די ציין אין באָטל אַראָן״..

א דריידל האָט געקאָסט א ״דריוועניק״. חדר־ייִנגלעך האָבן לאנג געמוזט זאמלען דאָס דאָזיקע ״פארמעגן״... געשפּילט אין ד׳ריידל האָבן אלע, סיי אָרעם, סיי רייך, גרויס מיט קליין, מיידלעך מיט ייִנגלעך — געווען א מצוה צו שפּילן אין דריידל. מען האָט פריער זיך אויסגעגעמוטן אויף וועלכן אות יעדער שטעלט און א וואָרף געטאָן דעם דריידל, וואָס האָט זיך לאנג געקאָלערט און געציטערט, ביז ער איז א פאַל געטאָן אויף איינעם פון די פיר באַקאַנטע אותיות.

דער רבי ר׳ יוקעלע האָט געהאט אן איינציק זינדל, שלום, ווען דאָס גאַנצע שטעטל האָט געמאַכט: ״שלימזל״... און כאָטש שלום האָט דוקא געהאט א פייערדיקן קאָפּ און גוט געקענט גמרא מיט תוספות פון אויסנווייניק, איז אָבער זיין פיזישער געשטעל ענלעך געווען צו א ״טשוטשעלע״.

שלום האָט געהאט א פּאָר גרויסע, אויפגעשטעלטע אויערן, וואָס האָבן צווישן זיך דריבנע, בלייך פּנימל, מיטן שמאָלן געמבעלע און דאַרן גערגעלע, אויסגעקוקט, אזוי ווי הערנער אויף א ציגן-קעפּל. אויגן האָט ער גראָד געהאט גרויסע, קיילעכדיקע, וואָס האָבן פאַרכאַפּט, מיט זייער טיפן ברען, גוטע דריי פערטל פון זיין קליין פּנימל... צוליב דעם וואָס שלום האָט קליינערהייט געליטן אויף דער ענגלישער קרענק, איז אים פאַרבליבן א גרויסער בויך, מיט דאַרע, קרומע פיס...

געלערנט האָט שלום ביי די גרעסטע מלמדים, גיך איבערגעיאָגט דעם אייגע־נעם רבין און תמיד געווען דער ערשטער צום פאַרענטפערן א טיפן געדאַנק, א קלוג פשטל אָדער גאָר — סתרי-תורה... און אזוי האָט ער זיך געכאָוועט, שלומל, א קליינער, מיט גרויסע אויערן, דין העלדזעלע, א גראָב בייכל מיט שטעקלדיקע פיס... ווייבער פלעגן זיך פאַטשן אין די ליפּן: ״פו. פו. קיין עין הרע נישט צו געבן, דעם שלימזלניק. ס׳וועט אים נישט העלפן ס׳גוטע קעפּעלע, שלומען, ס׳וועט נעבעך ר׳ יוקעלען נישט גרינג אָנקומען צו פאַרשלייערן זיין שיינעם קדיש-זאָגער״...

*

* *

ביי ר׳ יוקעלען, איז א האַלבער אלקער געווען אָפּגעצוימט מיט עפּעס א געבלימ־טער פאָרהאַנג, א ירושה־מלבוש, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרלוירן אלע ריכטיקע קאָלירן. געבליבן זיינען בלויז קאָנטורן, שטראָכעלעך, פינטעלעך, פון עפּעס א מעשה מיט אן עלטער־באָבעס א חופה-קלייד, וואָס איז שפּעטער מגולגל געוואָרן אין דעם איצטיקן פאָרהענגעכץ...

הינטער דער דאָזיקער סטוטשנער פאָרהאַנג, איז געשטאַנען אן אלטער טיש, ביי וועלכן שטאָטישע כלה-מיידלעך האָבן זיך געלערנט דאַווענען, לייענען דאָס טייטש־חומש, און סתם ברכות וועגן חלה־נעמען, ליכט בענטשן און אנדערע ווייבערישע מצוות... ר׳ יוקעלע פלעגט דעם פאָרהאַנגענעם אלקער נישט איבערטרעטן, ווען נשים זיינען דאָרטן געזעסן... ער איז געשטאַנען לעבן דע רפאָרהאַנג, אפילו נישט אריינגע־

קוקט אינעווייניק, נאָר געדערדט מיט ביטול פון א מאנספארשוין צו עפּעס, וואָס איז א סך נידעריקער פון אים...: "אַ נו, מאַידיניאַקעס, לאָמיר שוין עפּעס העירן וואָס עץ קענט...? אַ נו, הייבץ נאָר נאָכאמאָל אָן פון פאָרנט — מאַידיניאַקעס-טשינע"...

נישט געקוקט אויף קיינעם, ניט געוואוסט געבוי ווי יעדער איינע הייסט, נאָר אזוי זיך פארטוישט זייערע נעמען און געדערדט אין דער וועלט אריין: "משטיינס געזאָגט, וואַבער נעבעך, מיט ענקערע דריי מצוות, ווי וואַט עץ קענט שוין "דאָרטן אָנשלאָגן — נעבעך"...

פאר דאָס האָט אָבער זייער גוט געוואוסט און אלעמען זייער גוט געקענט — דער בן-יחיד־שלומקע... כאָטש אים איז אויך פארבאָטן געווען צו קוקן הינטער דער פאָר־האנג. האָט אָבער שלום געהאט זיינע גרויסע, פייערדיקע אויגן אויך אין די פּלייצעס, און בעתן אריינקומען פון די מיידלעך, געשלונגען זייטיק, מיט זיינע לאָקאָמאָטיוו־אויגן יעדעס מיידלישע געשטאלט, געבוי געוואוסט, יעדערנס פּנים, אויגן, פיס און טאליע... דער עיקר אָבער, האָט שלומקע גוט געקענט און תמיד טיפער באטראכט דעם גבירס בת-יחידקעלע, לאהטשע.

די פולע, מיטל-וואוקסיקע לאהטשע האָט געשעמט פאר א יפת־תואר, מיט אלע חנען און קאפּריזן פון א רייך צעפּיעשטשעטער בת-מלכה... מיט שלאנקע פיס, א קיי־לעכדיק-ווייס פּנים, ווי פּאָרצעליי, א פּאָר טיפע, בלויע אויגן, ווי ביי א געמאָלענער ליאלקע. אירע דיקע, בלאָנדע צעפּ, האָבן געגרייכט איבער דער טאליע, ס׳רוב זיך גע־שלענגלט איבער איר גוט געסקליארוועטן דעקאָלט און אז לאהטשע האָט געטאָן א קאָקעטישן וואָרף מיט איר געטאָקטן שולטער, האָבן זיך די צעפּ גאָר א וויקל געטאָן ארום איר אַלבאסטער האלדז און איר צוגעגעבן דעם טויזנטסטן חן...

צו 14 יאָר האָט לאהטשע שוין געטראָגן הויכע קנאפּליס, א ברייטע ציגיינערישע כלאָפּקע מיט א גוט אויסגעפּאסט סטאניקל, וואָס האָט געהאָלפן בולטער מאכן איר פריצייטיקע ווייבערישקייט... וועגן דער שיינער לאהטשען האָבן זיך דערלויבט צו חלומען נאָר פארמעגלעכע בית-מדרשניקעס, אָדער רייכע זינדלעך, וואָס האָבן שטודירט אין אויסלאנד, אָדער גאָר יידישע גוט־באזיצער וועלכע האָבן מיט זייער גרויסע עשי־רות באקומען די שענסטע כלות פון שטעטל... זינט לאהטשעס 13־טן יאָר, האָבן שוין די גרעסטע שדכנים געמאכט א שנעפּסל ביים גביר אין דער סאליע, על החשבון, וואָס זיי האָבן אים פאָרגעשלאָגן די לייטישסטע בחורים פון גאנץ לובלינער גובערניע..
אָבער לאהטשעס טאטעשי האָט זיך לאנג געלאָזט בעטן, נגידיש געצופּט א האָר פון

זיך ברייט-צעקעמטער באָרד און געלאָזן געגעבן צום פאַרשטיין די אומגעדולדיקע שכנים, אַז פאַר זיין לאַהלען האָט ער גאָר א ווייטן קוק, אזוש העט, העט, ביז — קאַצק... און דערוויילּ: "קענטיך ענק נאָך א באָטל, אינץ עמער נאָך צאַאַט האָבן צים שמיסן"...

ביי ר' יוקעלען אין חדר איז לאַהטשע תמיד געזעסן אויבנאָן, אָן ערנסטע, א סטאַטעטשנע, אין איר קאַרבירטער כלאַפּקע, מיט די הויכע קנאַפּלים אויף אירע שלאַנ־קע פּיס, אויסגעקוקט, ווי א קאַרוזעלקעלע אויף שטאָלצן...

*

* *

אין יענעם ערב חנוכה, איז שלום שוין געווען א 16-יאָריקער חתן-בחור. אויף זיין לאַנגער און שמאָלער גאָמבע, איז שוין געווען ווי אויף א פּרילינג־פּעלד, קליינע, דינינקע, קוים נאָך אָנזעעוודיקע שפּראָצעלעך... אין זיינע גרויסע, קיילעכדיקע אויגן — א סוד, טיף פאַרהוילן, אָבער אין זיין קלוגן, רייפן, מאַנסבילשן קוק, איז שוין אויך גע־לעגן די באַשיידונג...

הענט האָט שלום געהאַט אידעלע, ווייסע, אַז ער האָט א נעם-געטאָן צווישן זיינע לאַנגע פינגער א צינערנעם דריידל און קונציק א וואָרף־געטאָן אויפן נאַקעטן טיש, האָט זיך עס אזוי שווינדלדיק געוומען דרייען, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, דאָס קליינע "משחיתל" שטייט גאָר אויף אָן אָרט. רירט זיך נישט, דאַוונט עפּעס א תפילה... קיי־נער האָט שלומען נישט געקענט נאָכמאַכן זיין קונציקן שפּילן אין דריידל.

ס'איז אָוונט, ר' יוקעלע מלמד האָט שוין אָפּגעזאָגט מיט זיינע תלמידים דעם "הנרות הללו". פאַר די כלה־מיידלעך שוין דערציילט וועגן די העלדישע חשמונאים, וועגן דער הייליקער חנה מיט אירע זיבן זין און וועגן דעם קריגעלע בוימל, וואָס האָט געברענט אין בית-המקדש גאַנצע 8 טעג... די אויפגעטאָיעטע וואָרעמקייט אין רבינס חדר האָט געשמאָלצן דאָס אייז אויף די פאַרפרוירענע שייבעלעך, דורך וועלכע עס האָט אריינגעלייכט דער שטעטלשער מיסט-באַרג, וואָס איז געלעגן איינגעטוליעט אין בלאַנ־קענדיקן שניי און אויסגעקוקט, ווי איינגעהילט אין טליתים...

שלום האָט פּלוצים, ווי פון א ווינט געטראָגן, אָן עפּן געטאָן דאָס קרעכצנדיקע שויבנשענקל, אַרויסגענומען א גרויסן הילצערנעם דריידל, וואָס ר'האָט אין געהיים

געשניצט פאר גאָר א געוואגטן שריט, וועלכן ער האָט וואָכנלאנג אויסגעחלומט, און צום ערשטן מאָל, נאָך גרויסע קאמפן מיט זיך, אריין אין צווייטן האלבן אלקער... אין ערשטן מאָמענט, שטיין געבליבן אזוי צעטומלט, גלייך ער וואָלט זיך געפונען אין א מיטן ים צווישן ברויזנדיקע כוואליעס, אָבער גלייך זיך באהערשט און מיט א דרייסטן קוק אויף דער שטאָלצער לאהטשע, העזהדיק א וויז געטאָן: "זע, כ׳האָב דאָס אליין אויסגעשניצט, א מתנה פאר דיר, ווילסטו מיט מיר שפילן אין דריידל?"

לאהטשע, אויך שטארק צערודערט, האָט א שעמעוודיקן קוק געטאָן אויף שלומס קונסט-ווערק, וואָס האָט אזש געציטערט אין זיין ווייסער האנט, ווי א ניי־געבוירן טיי-בעלע ערשט פון דער אייער-שאָל. איר צווייטער בליק איז שוין געפאלן אויף זיינע גרויסע פייערדיקע אויגן, וואָס האָבן איצטער אזוי געלויכטן, גלייך אלע 8 חנוכה־ ליכטלעך וואָלטן דאָרטן געברענט...

די גוט־געכאָליעטע לאהטשע, מיט איר גאוהדיקער איינבילדונג, האָט נישט אויס-געהאלטן שלומס חכמהדיק-מאגנעטישן קוק, גלייך זי וואָלט פלוצים פון עפּעס אויס-טערלישעס באצויבערט געוואָרן און מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, שטיל געענטפערט: "יאָ, יעך שפיל מיט דיר אין דריידל"...

שלום האָט גענומען דערקלערן די באדייטונג פון די פיר אותיות: דער נון מאכט "נס", די גימל, "גדול", די "ה", "חיה" און די שין "שם". אויף יידיש מיינט עס: "א גרויסער נס איז געשען דאָרטן"...

— "נו, זאָג לאהלע, אויף וועלכן אות ווילסטו שפילן?"...

לאהטשע, דערשטוינט פון דער גאנצער פאסירונג, האָט אוועקגעלייגט א צווייער אויף "גימל".

— "און יעך שפיל אויף "נס" — האָט שלום א טיפן קוק געטאָן אין לאהטשעס בלויע אויגן, גלייך ער וואָלט פון דאָרטן געוואָלט ארויסכישופן זיין באשערטקייט... און א וואָרף געטאָן דאָס דריידל, וואָס האָט זיך אַ שטעל געטאָן, ווי צו שמונה-עשרה, לאנג זיך געדרייט און געקאָלערט, ביז ר׳האָט זיך געלאָסן גענומען וואקלען, ווי דער קאָפּ וואָלט זיך אים פארדרייט און לסוף א פאל געטאָן, ווי אין חלשות...

לאהטשע האָט פלינק א לייג־געטאָן איר קליין הענטל אויפן גרויסן דריידל, גע-פילט ווי דאָס הארץ קלאפּט איר מוראדיק, שוין געוואָלט זען אויף וועלכן אות ס׳איז געפאלן דער גורל... אויך שלום, מיט גרויס ציטערניש, גלייך ער וואָלט דאָ איינגעש-

טעלט זײַן גאַנץ לעבן, האָט אין דער זעלבער רגע א לייג־געטאָן זײַן ווייסע האַנט, וואָס איז אין איילעניש געפאַלן אויף לאַהטשעס צעגליטע פינגער... ביידע האָבן א מו־ראַדיקן ציטער געטאָן און פאַרשעמטע אוועקגעכאַפּט די הענט, ווי פון א העליש פייער...״ איינע פון די מיידלעך האָט דערוויַיל אויסגעשריגן: — ״ס׳איז געפאַלן אויף ״נס!״ אויף ״נס״ איז עס געפאַלן״...

שלום, דער בן תורה און באַהאַלטענער בעל מקובל האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, מורמלדיק צו זיך: ״אויף נס, אויף נס״... זיינע ״רמזים״ האָבן אים נישט אָפּגענאַרט...

*

* *

גאַנצע 8 טעג חנוכה, איז די שטאָלצע לאַה׳טשע געקומען פרייער ווי אַלע מייד־לעך, געזעסן ווי א באַנומענע, אין ר׳ יוקעלעס אָפּגעצוימטן אַלקערל, נישט געהערט וואָס מען רעדט, נישט באַנומען דאָס איינקנעלן פונעם שבת׳דיקן דאַוונען, נאָר מיט אירע נייגעריקע בליקן אָנגעשטעלט אויף דער פאַרמאַכטער פאַרהאַנג, אַן אומגעדול־דיקע, אויסגעקוקט אַז דאָס לערנען זאָל זיך שוין ענדיקן, אַז אינעם צימערל זאָל שוין נידערן יענע פאַרגאַכטיקע דעמערונג, וואָס צינדט אין איר — די לעצטע פאָר טעג — דאָס יונגע בלוט... אין די שאָטנס אויף די ווענט, דאַכט זיך איר, באַגאַרטלען זיך איצט אין אַטלאַסענע קאַפּאָטעס און די שטימונג ווערט אַזאַ זיס־יום טוב׳דיקע, אַזא פריילעך־שמחה׳דיקע, ווען עס בליצט אויף דאָס רויטע פלעמעלע פונעם קליינעם נאַפט־לעמפּל, באַוויַיזט זיך גלייך — שלום... אין זיינע בלייכע הענט ציטערט דער היל־צערנער דריידל... אויף אַלע אותיות האָט זי שוין געוואונען, לאַה׳טשע, נאָר נישט אויף — ״נס״, ווייל דער ״נס״ איז ווייזט אויס שלומ׳ס גורל... זיין — מזל...

לאַה׳טשע קען עס גאָר נישט מסיג זיין, פון וואַנעט קומט צו איר אַזא צערודע־רונג בעת שלום טרעט אריבער דעם האַלבן אַלקער?... און פאַרוואָס האַמערט איר אַזוי דאָס האַרץ ווען ער שטעלט אויף איר אָן זיינע דורכדרינגענדיקע אויגן? און פאַרוואָס האַלט זי נישט אויס זיין פייערדיקן קוק?... ווער איז ער, דער דאָזיקער שלום, וועמען זי קען שוין אַזוי לאַנג — יאָרן און דאָך — נישט געקענט?... און אפשר ליגט עפּעס א קישוף אין זיין שפּילן מיט איר אין דריידל?... און, ער איז דאָך גאָר נישט אַזוי מיאוס, ווי אַלע מיינען... אדרבה, אין זיינע גרויסע אויגן ליכטיקט אַזא טיפע פרייד און איר יונג־מיידליש האַרץ בענקט נאָך דער דאָזיקער פרייד... נאָך זייער וואַרעמען

קוק... וואָס-זשע קומט דאָ פאַר מיט איר? וי וואָלט נישט מיד געוואָרן צו זיצן מיט אים טעג און נעכט — חדשים, יאָרן, שפּילן אין קוויטלעך, "טערניטשקע", דריידל, זי ווייסט אז דאָס אַלץ איז בלויז אַן אויסריידן, אַ פאַרבלענדעניש, ווייל זי האָט אים גאָר ליב צו הערן רעדן, שלומען, זיין קול איז אזוי שטיל, אזוי ווארעם, כאָטש אביסעלע הייזעריקלעך, דערמאָנט עס איר אָבער אינעם שטעטלשן קלעזמערס וויינענדיקע פּי־דעלע, וואָס צעקלאָגט זיך אזוי הארציק בעת דער מארשאליק באזינגט א כלה... און שפּעטער, ווען לאה׳טשע קומט אהיים, אויף איר ווארעמען געלעגער, טרעט פון איר נישט אָפּ שלומ׳ס קלוגער קוק, זי הערט זיינע גמרא-פּשט׳לעך, די געלייטערטע חכמה און פילט זיך ווי היפּנאָטיזירט, ווי באצווּאונגען פון עפּעס א סודות׳פולן געפיל, וואָס איז ביז איצט איר פרעמד געווען...

און ווען לאה׳טשעס טאטעשי, מיטן סאמעטענעם קאפּעלע אויפן שפּיץ-קאָפּ, פאַר־רוקטע ברילן אויפן הויכן שטערן, האָט אין א שבת׳דיקן נאָך מיטאָג, געמישט מיט גרויס התמדה דאָס ווארעמע גלעזל טיי און דערביי געלאָזט פאַלן ווערטער, גלאט אזוי, אין דער בין-השמושות׳דיקער דעמערונג אריין: — "אז שחנה גרונימס טרעט נישט אָפּ זיין שוועל, ברענגט כסדר "שטאפּעטן" פונעם לובלינער רבינס אַן אייניקל... זיי ווילן זעך משדך זיין"... — "אָנו, טעכטערל מיינס, וואָס־זשע זאָגסטו דערצו?"... לאה׳לע?...

האָט לאה׳טשע אראָפּגעלאָזט אירע שעמעוודיקע בליקן, א ראָזע צארטקייט האָט באשלאָגן איר ווייס פּנימל און מיט דער צופּיעשטשעטקייט פון א רייכער, קאפּריזנער בת-יחיד׳קעלע, שארף און דעצידירנדיק ארויסגערעדט:

— "יעך באגער בעסער שלומ׳ען... ער געפעלט מיר שטארק, ר׳ יוקעלעס זון"...

הגם אין שטוב איז שוין געווען זייער טונקל און ס׳איז שווער געווען צו דער־כאַפּן דעם ריכטיקן אויסדרוק אויפן פּנים, האָבן אָבער לאה׳טשעס בלויע אויגן אזוי שבת-קודש׳דיק געלויכטן, אזוי שטערנדיק-געפינקלט און אזוי פעסט, פאַרעקשנט גע־קוקט אויפן פאָטער, אז כאָטש ער האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן און אויגן, האָט ער אָבער דערפילט און דערקענט, אז יעדער ווידערשטאנד וועט זיין ארויסגעוואָרפענע רייד, — ער קען זיין לאה׳לען און ווייסט, אז זי רעדט נישט קיין איבעריקס און וואָס זי זאָגט איז — געמיינט... דעריבער, ווען שדכנים זיינען שפּעטער געקומען צו לאה׳־טשעס טאטעשי, פאַרצושלאָגן די בעסטע בחורים פון דער גאנצער גובערניע, האָט דער

שטעטלשער גביר זיי איינגערוימט אויפן אויער: — „גייט אהין צו ר׳ יוקעלען און זאָגט עם, אז יעך וויל מעך משדך זאַן, אַז יעך באגעיער זאַן שלומען פאר אַן איידים״...

ס׳שטעטל איז געגאנגען אויף רעדער, עולם האָט געטענהט: „אַ בלבול, אַן אויס-טראכטעניש, אָדער גאָר — כישוף?...

בלויז איין שלום האָט זיך גאָרנישט געוואונדערט, נישט געווען איבערראשט, געוואָרט אויף דעם מיט א זיכער געפיל — ער האָט דאָך איינגעשטעלט, געשפּילט און געוואונען אויף — „נס״...

✡

חוקה

ערב תשעה-באב.

דאָס שטעטל שמעקט מיט צייטיקע פרוכטן, פריש געקאָסעט היי, קאָרנבלימלעך און מיט עפּעס אזא נאָגנדיקער בענקשאפט וואָס גליווערט פון אלטפרענקישן טרויער, גבורהדיקן קידוש־השם, וויינענדיקע תחינות און פאָרכטיקע קינות.

דער עלטערער עולם גרייט זיך צו זיצן שבעהדיק ביי איבערגעקערטע באַליעס, איינגעלייגטע בענקלעך, טריפנדיקע ליכטלעך, אלע וועלן קלאָגן אויף דער שכינה וואָס איז אין גלות: — „א י כ ה י ש ב ה ב ד ד" — וועלן וויינענדיקע שטימען זיך טראָגן דורך אלע טירן און פענצטער. יונגע קינדער וועט מען איינבינדן שטיקלעך קנאָבל אין די סטאַניקלעך, גרעסערע — וועט מען אריינשיטן אש אין די האָר. אָבער פאר דער יוגנט איז תשעה-באב דער ראָמאנטישסטער יום־טוב. זיי וועלן זיך באווארפן מיט צייטיקע קאשטאנעס, וואלדיקע שטעכלקעס, גרינע ליעזשלקעס און דערביי זיך איבערווינקען מיט צניעותדיקע בליקן, פרומע חנדעלעך, שעמעוודיקע שמייכעלעך — א שטייגער ווי שמחת-תורה צו הקפות...

דאָס מין באווארפן זיך אין תשעה־באב, איז אין שטעטל געווען ווי א פאָרשפּיל צו א חתונה; א פלירט וואָס ברענגט אמאָל צו א שידוך... אָן אטראקציע, אויף וועל־כער עס ווארטן א גאנץ יאָר פארקנסטע כלות און פארליבטע מיידלעך...

אָבער נאָך א גרעסערע אטראקציע האָט דאָס שטעטל געהאט — צו באווארפן מיט שטיינער דעם איינציקן דאַך, וואָס קיינער האָט נישט געדענקט פון ווען אָן און פארוואָס דווקא האָט זיך דער דאָזיקער גזר-דין אויסגעגאָסן גראָד אויפן דאָזיקן שטי־בעלע פון ר' מויקע גאַוועך.

ער איז געווען, מויקע, א קליינטשיקער, א זשוואווער, מיט א פּאָפּילאטע קליין בערדעלע פון צוויי שפּיצן, געבוי ווי ביי א קאָזע. זיין רעכטע זייט פּלייצע איז אים

געווען פארשפיצט, ביז צום אויער און האט אויסגעקוקט, גלייך מע וואלט אים א שטעקן ארונטערגערוקט הינטערן כאלאט. זיין לינקע האנט איז געווען אויסגעקרימט ווי א פארדרייטער בייגל. די רעכטע — מיט אלע פינף פינגער צוזאמענגעקלעפט — האט געכאפט דעם אויסזען פון א געביילטער פויסט. בלויז איין פינגער, א זעקסטער, האט זיך פריי נאכגעבאמבלט ווי א צינגל פון א גלאק. צוליב זיין אויסגעקרימט מויל האט מויקע גערעדט שווער, גלייך ער וואלט געהאקט האלץ, און מיט א שפריץ. דערפון טאקע זיין צונאמען — "גאַווער". א "טעמס" איז פון מויקעס קרימען מויל ארויס ווי א קוף; א "פּ", איז געווארן א "פ"; א "גימל" האט ער פארטוישט אויף א "דלד", און ביים שווערן רעדן איז אים תמיד געראנען די סלינע איבערן קאַזע-בערדל...

ר' מויקעס ווייבעלע, העניע, איז אויך געווען א קליינטשיקע, א שטשופלע און גע־הארבעטע, נאר פון פארנט. איר צייגענער טשיפּיק, וואס זי פלעגט פארבינדן מיט צוויי שפּיצן אונטערן לענגלעכן גאמבעלע, האט העניע בלויז אנגעטון משבת לשבת. דאס דאזיקע שטערנטיכל האט פארכאפּט דרייפערטל פון איר פויגל־פנימל. ארויסגעקוקט האבן בלויז אירע פייכטע אויגן — שמאלע און לענגלעכע, וואס האבן תמיד געבלישט־שעט מיט א מוטנע טרערן-שימערל — גרייט ביי דער קלענסטער געלעגנהייט צו טון א פארגאס איר רעטש שטיקל פנים... שטענדיק איז העניע געווען טראגעדיק. איר קליין בייכעלע, פונקט ווי איר געהארבעטער ברוסטקאסטן, איז שטענדיק געווען פאר־שפיצט. אפילו נאכן "האבן" איז עס געבליבן אנגעבלאזן, גרייט ווידער אויפצונעמען ס'קומענדיקע נפש... טאמער האט איין יאר געטראפן אן אויסטערלישער פאל — הע־ניע איז נישט פארגאנגען און טראגן — האט זי זיך באלד געקלאגט פאר מויקען, אז — "ס'איז איר שטארק סמוטנע אין בויך... ס'איז שטיל ווי אין רייוויק..."

א קליין שטיבעלע פון איין צימער, א נידעריק פענצטערל, און א פלאך דעכל — איז געווען דאס אייגנטום פון מויקע מיט העניען. דארטן האבן זיי אויפגעכאוועט אן ארמיי א גאנצע... און אזוי ווי די דאזיקע קינדער — קאסאקע, שיקלדיקע, קרומע, שטומע, לאמע — האבן געהאט א טבע צו זיין תמיד הונגעריק, פלעגן זיי נישט רעדן סתם — עסן, נאר געוואלדעווען: — "צ'עסן! כ'בין הונגעריק! כ'שטארב..."

כדי אביסל צו שטילן זייער אייביקן הונגער, האט דאס קליינטשיקע פארל אויפ־געמאכט א בשמים-קרעמל, טאקע אינעם איינציקן צימערל, וואו מ'האט באקומען פאר א גראשן פעפער, צימערינג, פאר א האלבן גראשן דזשעגעכץ און מ'האט יאקאש גע־לעבט...

אז מויקע מיט העניען זענען געשטאנען פאר זייער טיר, האבן ביידע אויסגע־

קוקט אין איין הייך מיטן נידעריקן סופיט. כדי זייערע קונים זאָלן זיך נישט צעקלאַפּן די קעפּ ביים אריינגיין — האָט זיי העניע ארויסדערלאַנגט די סחורה דורכן קליינעם פענצטערל. סיי ווי וואָלט א פּוס נישט געקאָנט איבערטרעטן זייער צעהרגטע שוועל. א חוץ ״סחורה״, האָבן אין אלע ווינקעלעך זיך געוואַלגערט בלעכענע טעלערס, היל־צערנע לעפל, אייזערנע טעפּלעך, ״גוטע ריחות״ און קולות — ביזן הימל אריין...

איז אויף אָט דער דאָזיקער פאַמיליע אויסגעפאַלן, יעדן תשעה-באָב — דער אמת׳ער חורבן-בית־המקדש... א חזקה אזא, וואָס אלע האָבן אָפּגעהיט, ווי די גרעסטע מיצווה — צו וואַרפן שטיינער אויף מויקעס דאַך. מ׳האָט אזוי לאַנג און אזוי פיל גע־זארגעט און געטראַסקעט, ביז די פאַרראָסטע בלעך איז געבליבן שטיין דיבאָם, ווי א צעבריקעוועט פערד מיט די אויפגעשטעלטע פאָדערשטע פיס אין דער הייך...

צומאָרגנס נאָך תשעה-באָב פלעגט דאָס קליינע פאָרל מיט דער גרויסער כאָפּטע קינדער, לויפן מיט א לארעם צו קהל. העניע מיט אירע פראַנטאַווע באַלאָנען איז גע־גאַנגען, ווי א קאָמאַנדיר — פאָרויס. אויסגעסטראָיעט אין דער שבתדיקער ״טענדעווע־רענדע״ מיטן כינעזישן שאַליקל פון ״טשימטשעמיטשאַ״ און תמיד מיט עפּעס א דרענגל אָדער ס׳וואַלגערהאָלץ אין די הענט — א גרייטע צו געבן איבער קעפּ, אויב ס׳וועט נייטיק זיין... איבערן גאַנצן וועג האָט זי געערדעט מיט א וויינענדיקן תחינה־ניגון און צום גראָם:

— רבונו־של־עולם, ס׳איז אויף אינע גיקימע א מגיפה, אָן פייער א שריפה. אזא שווארצע כיפּע (חופּה), אויף גויישקער קליפּה...

מויקע מיט זיינע פאַרקרימטע פיס, איז איר פון הינטן, ווי נאָכגעשווימען. דאָס פאַרקלעפּטע הענטל זיינס האָט געגראַזשעט מיטן זעקסטן פינגער, ווי מיט א פּיסטאָ־לעט. זיין פאַרקניפּטע צונג האָט סקאַראַוואָטשעט איבערן וועג, ווי א הייזעריקער פּאָ־פּוגיי:

— צאָצעך צימאַכט א ״פּאָזוואָלעניע״ צו זאדישען א טאַטן מיט קינדער?! באַ־צולעך!...

די כאָפּטע פאַרריסטע, נאַקעטע, צעדראַפּעטע קינדער — יעדער איינער מיט זיין קולכל, ווי א סעקסטעט אין א קאַפּעליע — האָבן אַקאָרדירט:

— ״אַ דאַאַאַך! אוי-ווײ-מיאַ! אַ דאַאַך״!...

און קהל האָט טאַקע יעדעס יאָר געלייגט א נייעם דאַך אויף מויקעס שטיבל.

אָבער, פון ביליקסטן בלעך. וואָרן סיי-ווי, ווען אפילו פון אייזן, וואָלטן אים די שטיינער פון קומענדיקן תשעה־באָב אדורכגעלעכערט...

אָבער דעם לעצטן תשעה-באָב האָט זיך עולם געגרייט אָקעגנצופאָרן דעם באַרימטן פאבריקאנט, מיסטער דזשו פון אמעריקע, וואָס קומט אהער אויף קבר־אָבות און מויקע מיט העניען זענען שוין זיכער געווען, אז דאָס יאָר וועט דער אמעריקאַנער פעטער מציל זיין פון הריגה זייער פארמישפטן דאך... די שכנישע שקצים אָבער, וואָס האָבן אויך געגאָסן פון דער יידישער חזקה, האָבן נאָך פאַרטאָגס געגרייט דרענגער, צעהאקטע ציגל, שפּיציקע שטיינער, און ווען אין הימל האָבן זיך נאָר באוויזן די ערשטע שטערן און די ארומגעריזשעטע לבנה האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַפּעריק, גענוי ווי א רעפלעקטאָר, צו באלייכטן דעם "קרבן-תשעה-באָב", האָט זיך דעמאָלט פון שיל־געסל באוויזן פינטשע תם, אין צעריסענע הויזן מיט א צעכראסטעוועטער ברוסט וואָס האָט ארויסגעקוקט פונעם העמד, לעבן אים איז געגאנגען דער שטאָט-משוגענער, באָרוועס, מיט א שטרויענער קרוין אויף זיינע צעקודלטע האָר.ביידע זענען געגאנגען אזוי אויסגעטראקעוועט, ווי מושטירטע סאָלדאטן אויסצופירן א באפעל...

מויקעס אָרעם שטיבעלע האָט דערוויילע געפינצטערט אין רו און אין שטילקייט... די פארוויאנעטע ביימער פונעם נאָענטן בית־עולם האָבן טרויעריק אריבערגעקוקט צום ווייסטן גורל פונעם פארמשפטן דעכל...

פינטשע תם האָט דאָס מאָל געגעבן דעם ערשטן סיגנאל, ווי מע גיט א צייכן צו באגנעט־אטאקעס: — "הורא"! — האָט ער געגומען שרייען אויפן קול — הורא!!!

דער שטאָט-משוגענער האָט געוואָרפן דעם ערשטן שטיין — טראַס־טראַסק!... באלד האָט עס גענומען האָגלען מיט דער צוגעגרייטער "אמוניציע" פון אלע פיר זייטן... און ביז דער עולם איז צוריקגעקומען פון דער באן מיטן גאסט, איז שוין פון דאָך קיין שריד-ופליט נישט פארבליבן...

אז מויקע מיט העניען האָבן דערזען דעם "געפּאלמעסטן בויך" פונעם צעמזיקטן סופיט, האָבן זיךביידע אוועקגעשטעלט מיט פארבראָכענע הענט, ווי איבער א מת און גענומען באקלאָגן אויף זייער בראך... העניע מיט פארלייגטע הענט אויפן שפּיציקן בויך האָט געיאָמערט:

— "נעבכאַי וואָלט עטץ גיגאנגען צו די גרויסע גבירים, צו די אָנגעשטאָפּטע אדירים, זיי האָבן דאָך שענערע, גרעסערע דעכער, עץ וואָלט גיקענט טראַסקען מיט די

קעפּ ביזן העלן טאָג אריין, וואָסזשע אָטיץ ענק אָנגעזעצט דווקא אויף מיין פּיצל דאַך! האָ ?! רוצחים!...

אָבער מויקע האָט פּארגלאָצט די אויגן צום אויסגעשטערנטן הימל, זיך אוועקגעשטעלט אין א פּאָזע, ווי ער וואָלט זיך געקליבן דאווענען פארן עמוד און מיט גרויס כוונה ארויסגערעדט:

— „איי דאָקיניו, טייערער דאָקיניו, האָסט א פּאָליק, א טייער פּאָליק... וועסט גאָרנישט מאכן מיט זשיי... — ביי זשיי כאזשוקע (חזקה), איזש טאַקע — כאַזשוקע"...

☆

אמאטאָרן־טעאַטער אין שטעטל

געווידמעט מיינע קינדער די בארימטע ארטיסטן

אידא גאָמעס (שאפראן) און

פיליפּ וואַגנער (שאפראן)

די גאַנצע צייט, וואָס די אמאַטאָרן האָבן רעפּעטירט, האָט די פרומע דינה געס־טראַשעט איר טאָכטער, וואָס האָט געשפּילט די "פּרימאַדאָנע", אַז דאָס מאָל איז בחינם איר גאַנצע האָרעוואַניע, ווייל: — "גענוג געמאַכט פון דיר א פּורים שפּילערין.. בחינם דיין ארבעט"...

און הגם מירל איז שוין געוואוינט געווען צו די שווערע קאַמפן מיט איר מוטער ביי פריערדיקע פאַרשטעלונגען, איז אָבער דאָס מאָל איר פאַנאַטישע מוטער געבליבן פאַרעקשנט: — "גענוג, זאָלן אנדערע מיידלעך אויך ווייזן וואָס זיי קענען. דו האָסט זיך שוין גענוג פאַרשטעלט: פריער פאַר עפּעס א "גנבטע א ווייב", שפּעטער פאַר אַן אויסגעלאַסענער שיקסע", און איצטער גאָר ווערן די "קאָכאַנקע" פון א "שמיד־יונג"? — בייך! און ביין!"...

און וויפל מאָל מירל האָט זיך באמיט אויפצואווייזן איר גוטער מוטער, אז טעאַטער איז נאָר א משל, מיט זייער א גוטן מוסר־השכל, וואָס פאַרבעסערט דעם מענטשנס האַרץ, פאַרשענערט זיין גייסט, האָט זיך דינה אלץ אקעגנגעשטעלט: — "משטיינס גע־זאָגט, וואָס מען קען שוין פאַרריכטן דאָס האַרץ ביי א גנב-יונג און וואָס א שטייגער עס לאָזט זיך שוין מאַכן פון אַן אויסגעלאַסענער שיקסעטשינע? א חוץ מזה — האָט דינה אויפקלערעריש געטענהט: — "אזא קבצנטע ווי דו, וואָס פאַרמאָגט ניט צו סי־לוקן קיין גראָשן נדן און קיין גרויסע פּיפּיה ביסטו אויך ניט, דאַרף פון זיך ניט לאָזן מאַכן קא "בלאַזן", ווייל ס׳וועט ניט זאָן מיט וואָס צו פאַרדעקן דעם "חוזק"... פאַר־שטייסט ?"

דערווייל זיינען די פּראָבעס אָנגעגאַנגען נאָרמאַל. ווייל די אמאַטאָרן זיינען שוין געוואוינט געווען צו דינהס שטענדיקן פּזמון. אז עס איז געקומען צו דער פאַרשטעלונג, פלעגט מען איר תמיד אויפווייזן די גוטע צוועקן אויף וועלכע מען פאַרווענדט דאָס

געלט, האָט זי ס׳רוב אַ מאָל געטאָן מיט די הענט, אַז — ״דאָס אַליין איז אויך ניט מער ווי אַ שפּיצל פון שטן, אַ פאַרבלענדעניש פונעם יצר־הרע״... — אָבער דאָך ווייבער געוואָרן.

די פאָרשטעלונג איז באַשטימט געוואָרן אויף הול המועד סוכות.

די קילע טעג זיינען שוין ס׳רוב געווען טריבע, כמורנע. די נעכט — ווינטיקע, רעגנדיקע. אין אַלעמענס הערצער, אַ פאָרכטיקע ציטערניש: עס דערנענטערט זיך דער יום־הדין! מען וועט דאַרפן צושטעלן דעם ריכטיקן חשבון... צניעותדיקע ווייבער זיי־נען שיין האַלבע טעג אָפּגעלעגן אויפן ״גוטן־אָרט״, געריסן קברים און געבעטן גוטע קוויטלעך. די שטאָט־גבאיטע האָט יעדן טאָג געצונדן ליכט אין רבינס־אוהל, זיך אויס־געטענה׳ט מיטן הייליקן צדיק ״אויף דו״ — ״אַזוי און אַזוי הארציקער תנא, ווער ווייסט נאָך מער ווי דו, אַז מיר זיינען נעבעך זייער זינדיק, האָבן ניט קיין אָפּן אויג זיך צו שטעלן פאַרן גרויסן משפט... אונדזערע זינדיקע לעפּצן קענען זיך גאָרניט עפענען צו בעטן אַ מחילה וסליחה. וואָרום מיר זיינען דאָך געגליכן צו אַ וואָרעם אונטער דער ערד און צו אַ פייגל וואָס דער שפּאַרבער יאָגט זיך אים צו פאַרצוקן״...

און אַז די שטאָט־גבאיטע האָט זיך שוין געהאַט גוט אויסגעוויינט האָט זי ערשט גענומען רעדן אין רבינס אוהל אַריין אַביסעלע שטילער, סודותדיקער, ווי מען פאַר־טרויט צו אַ נאָענטן מענטשן אַ סוד אויפן אויער:

— ״הייליקער צדיק — האָט די פרומע גבאיטע שטיל געפּליסטערט אין דער ברייטער מצבה אַריין — ליכטיקער תנא, ס׳אַ פייער אין שטאָט: זיסעלע די קאַזשאַנגע רביצן קעמט שוין די אייגענע לעקעלעך אויפן שייטל אַרויף... און רעכעלע דעם וויינ־שענקערס, האָט מען ״געפּאַקט״ אויף די לאָנקעס מיט אַ בית־מדרשניק... און מירעלע, דער פרומער דינהס ״באַשייניק״ די שוואַרצע ציגיינער־מויד, גייט זעך שוין ווידער ״ליובקען״ פאַר אַלעמענס אויגן, אויף די ברעטער פון דער ״פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע״... ס׳איז געוואָרן הפקר אַ וועלט און דו הייליקער צדיק שוויגסט? פאַרלאָזט דיינע בידנע שעפעלעך און שוויגסט?״...

איינגעהילט אין אַ לאַנגן טלית, מיט אַ זילבערנער עטרה אויפן גרויסן שטערן, האָט דער שטאָט־רב געדרשנט דעם לעצטן שבת פאַר דער פאָרשטעלונג:

— זייט וויסן יידן, אַז דער שטן ר״ה איז ביי אונדז געוואָרן זייער מעכטיק. ער האָט פאַרוואָרפן זיין שוואַרצע נעץ אויפן יונגן דור: ״קאָמעדיאַנטן״ געוואָרן, זכרים מיט נקבות וועלן זינגען אינאיינעם... און דאָס איז אסור. דאַרף מען תשובה טאָן, יידן!״...

די אמאַטאָרן האָבן דערווייל געמאָלדן אין אַלע אָרומיקע שטעטלעך, וועגן זייער קומענדיקן ספּעקטאַקל. געקלעפּט פּלאַקאַטן אויף אַלע טעלעגראַפן-סלופּעס, אָנגעזאָגט די גוטע בשורה:

״א גראַנדיעזע פאָרשטעלונג — ״יענקל דער שמיד״ — מירעלע וועט ווי תמיד — זיין די ״פּרימאַדאָנע״...

די בילעטן זיינען ממש צעכאַפּט געוואָרן. פאַרן געלט האָט מען באַלד איינגע-קויפט זעקלעך מעל, קאַרטאָפל, מערן, ציבעלעס און גלייך צעשיקט, טאַקע מיט דער זעלבער שטאָט-גבאיטע. ווייל זי האָט שוין געוואוסט, וועמען עס איז נעבעך געמיין... ווער עס באַדאַרף... און וועמען עס איז נויטיק... דערביי האָט די גבאיטע אַריינגעשוש-קעט יעדן א סוד אויפן אויער: — ״אויב שוין יאָ טעאַטער און יונגען מיט מיידן טשוט-שאַלע-מוטשאַלע, און טאַקע בפרסיה, זאָלן כאָטש געמיינע לאַאַט וויסן פון א גוטן ביסן״...
בלויז איין דינה האָט דאָס מאָל ניט געלאָזט זיך איינגעמען: ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן:

— ״מוחל ענקערע טובות מיט די מצוות פאַר אָרעמע לייט... גאָט באַדאַרף ניט קיין אַפּיקורסישע מצוות — בעל עבירהט ניט און מצווה׳ט ניט... מיין טאַטע פלעגט זאָגן — ״ניע פּאַסטאַ, ניע גנבאַי״.

* *
*

א פאַרשפּעטיקטער זומער־טאָג וואָס האָט זיך אָפּנים געהאַט באַהאַלטן צווישן די פאַרוויינטע אלול-טעג, האָט פּלוצים אויפגעטויכט פּונקט צו דער גרויסער פאָרשטע-לונג. די זון א צעשטראַלטע אין באַנייטע, אין איר שענסטן גאָלד פון סוכות-טראַכט, האָט ווידער געליכטיקט אויף די האַלב-פאַרוועלקטע ביימער. פונעם מעשענעם קלויס-טער-שפּיץ האָט געפּלייצט מיט צעגאָסענעם בראָקאַט. די פאַרבלאָטיקטע געסלעך האָבן זיך אויסגעטריקנט. די בלאַנקנדיקע וועגנט האָבן געטראָגן זילבערנע פּרוכתן געהאָפטן מיט זון-שטראַלן... אויסגעפּוצטע חולהמועדניקעס, אָנגעפּאַרענע פון אַרומיקע שטעט-לעך, אין בונט קאָלירטע קליידער, מיט נייע שיך, וואָס האָבן אויפן זוניקן טראָטואַר אַזוי געסקריפּעט גלייך זיי וואָלטן דערמיט געוואָלט צואוויסן טאָן דאָס שטעטל: — ״מאַכטס א וואַרע פאַר געסט, געקומען ספּעציעל אין טעאַטער אַריין...

* *
*

די הילצערנע געביידע פון די פייערלעשער האָט זיך געבאָדן אין זוניקער רחבות. די ברייטע פענסטער האָבן געקוקט צו די אויסגעשפרייטע לאָנקעס — יום־טובדיק צעפּראַלטע. דער ווייסער שאָסיי, דאָס נאָענטע וועלדל און די שמעקנדיקע פעלדער — אַלץ האָט אויסגעקוקט פעדערט זיך צו דער ביינאַכטיקער פאַרשטעלונג. אויף דער קליינער בינע פון שיטערע ברעטער, אָפּגעהומרטע ווענט און לאָמע בענקלעך, איז פּי־בערדיק אָנגעגאַנגען די גענעראַל־רעפּעטיציע. דער שטרענגער רעזשיסאָר, מיט האמער און ראַפּניק, האָט ביים קלענסטן פעלער אזא שמיץ געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע, אָדער געזעבענקעט מיטן האמער אין טיש אריין, אז ס׳האָט זיך אזש אויפגעהויבן א געדיכטער שטויב, וואָס האָט איינגעהילט די שפּילערס אין א גרויסן טומאַן...

ביי אָן אָפּן פענסטער, איז א באָרוועסע געשטאַנען די צעדרייטע לאָהלע, (א קרבן פון א קאָזאַק אין מלחמה) אין א קורצער האַלקע, צעקודלעטע האָר, האַלב צעעפנטער בלוזקע, פון וואַנעט עס האָט אַרויסגעבליאַסקעט איר ווייסע ברוסט, ווי א שטיק זון צווישן טונקעלע כמארעס. לאָה׳קע האָט געטענצלט אויף איין פיס און דראַמאַטיש זיך צוגעזונגען: — ״יעך וויל אויכעט ווערן א כלה, שפּילן, טאַנצן האָפּטשיק־טשאַק... האָפּ, האָפּ, האָפּטשיק־טשאַק״...

ביים צווייטן פענסטער האָט קרום געהאָפּסלט פּינטשע תם. אין צעריסענע הויזן, נאַקעטער ברוסט, האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, ווי ביי א קאַלעמיק. פּינטשע איז לאָהקען אַקעגנגעגאַנגען, ווי צו א מצווה־טענצל... עס האָט אויסגעקוקט, גלייך די צוויי שטעטל־דיקע משוגעים רעפּעטירן אויך א פּיעסע פון אייגענער פאַרפאַסונג... ביי דער טיר, א באַוואָפנטער שומר מיט א לעדערנעם ראַפּניק און א מעשן פּייפערל, טאָמער פאַרגליסט זיך מירלס מוטער צו קומען מאַכן שוואַרץ־שבת, זאָל דער שומר באַלד געבן א הויכן פּייף, וועט די פּרימאַדאָנע נעלם ווערן דורך א הינטער־טיר...

ביי דער פראָנט־טיר, האָט דער שומר, מיטן פּייפל אין האַנט, געהיטן דעם אריינ־גאַנג — טאָמער פאַרגלוסט זיך דינהן אין דער לעצטער מינוט צו קומען מיטן ״פּאַ־יאַנס״ אין די הענט, האָקן שויבן, זאָל ער באַלד געבן ״האַסלע״... (א צייכן).

* *

*

ביי מירלען אין שטוב האָט מען שוין געהאַט אָפּגעגעסן וועטשערע. מירלס פּאָ־טער, דער שטאָט־חזן, מיט א נשמה פון א קינסטלער, האָט זייטיק נאָכגעפּאָרשט דעם

שטילן קאַמף צווישן מוטער און טאָכטער. וואָלט ער אַליין, דער חזן, ניט געהאַט אַזא לאַנגע באָרד און א גרויסן שם פאַר א למדן, וואָלט ער אפשר איצטער אויך מלחמה גע-האַלטן מיט זיין פאַנאַטישער ווייב און וואָלט אויך געגאַנגען, כאָטש אַריינקוקן דורך א קליין שפּעלטעלע אויף דעם גרויסן ספּעקטאַקל, וואָס ציט אים תמיד מיט אַזעלכע פאַר-באָרגענע כוחות... דער חזן ווייסט אָבער, אַז אַזעלכעס קען ער בלויז חלומען אין דער שטיל. באַזונדערס איצטער — ווען זיין דינה זאָגט ניין! — איז פאַסקודנע... דעריבער האָט ער גיך באַשלאָסן — בעסער אַרויסגיין פון שטוב, איידער צוזען א היימישע דראַמע...

מירל וואַשט זיך דערוויל מיט שמעקנדיקן זייף. דרייט נערוועאיש אירע שוואַרצע לאָקן און פאָרשט מיט א ציטערדיק האַרץ יעדער מינע פון איר מוטערס פאַרכמאַרעטן פּנים. אָבער דינה איז זיך געזעסן כלומרשט רואיק אין א ווינקעלע, געשטריקט שוואַרצע שקאַרפּעטן, איר פרומע פּלייצע האָט זיך צוגעשאָקלט, ווי אין די פרימאָרגנס בעתן דאַווענען. דאָס פאַרשפּילעטע קלייד ביז צום האַלדז, איר ברייט פאַרטוך און לאַנגע ספּאָדניצע, אַלץ אויף איר איז געווען רואיק, האָט תפילה געטאָן. בלויז איר ברייט שייטל האָט אויסגעקוקט צעשויבערט, גלייך דער גאַנצער אומרו וואָלט איר אַריין אין די האָר־קאַרבן און זיי מוראדיק צעפּלאָשעט... דאָס נאַפט-לעמפּל האָט געוואָרפן טונ-קעלע שאָטנס אויף די באַוועגלעכע שפּיזלען, מיט וועלכע דינה האָט געשטריקט אַזוי גיך, גלייך זי וואָלט געגאַנגען מיט די שפּיזלען אין א מלחמה-געפעכט... נאָר ווען מירל איז פאַרטיק געוואָרן צום אָנטאָן, האָט זי פּלוצים צו איר גרעסטער שטוינונג באַ-מערקט, אַז קיין איין מלבוש אירס געפינט זיך ניט צו דער האַנט... און די קליידער-שאַנק — פעסט פאַרשלאָסן...

מירל האָט דערפילט א שוידער, באַלד וועט זיך איר שפּאַלטן דער מוח, זי וועט פון זינען אַראָפּ. אָט זיך געקניפּן ס'פּנים און אָט געריסן די האָר פון קאָפּ...

אָבער דינה, גלייך ניט זי מיינט מען... בלויז גענומען שטריקן דעם זאָק נאָך גיכער, נאָך האַסטיקער, גלייך אָט באַלד וועט אויסברעכן א שריפה און זי וועט ניט באַוויזן צו "סקאָנטשען" די שקאַרפּעטקעס... איר הינטערשטע ליפּ איינגעביסן אין די ציין, אין אירע רחמנות-אויגן האָט געפּערלט אָנגעלאָפענע טרערן... שווער געווען צו פּסקענען וועמענס קאַמף עס איז גערעכטער...

מירל האָט גענומען לויפן איבער דער שטוב, ווי א צעחושטע. אָט זיך אָפּגעש-טעלט ביים שפּיגל און זיך דערשראָקן פאַר די פלעמעלעך אין אירע אויגן, גלייך דער

מוטערס שפּיזלען וואָלטן איר אַריין אין די שוואַרצאַפּלען, זיך דאָרטן אָנגעצונדן און וואַרפן צוריק מיט פייער-ווערק... און אָט האָט זיך איר געדאַכט, אַז די גאַנצע שטוב דרייט זיך אין שפּיגל, טאַנצט אַ קאַדריל, דער נידעריקער סופיט פאַלט גאָר כורעים, באַלד וועט ער אײַנגאַנצן ליגן אויף איר קאָפּ...

מיט אַ שווינדלעניש אין די אויגן האָט זיך מירל אויסגעדרייט, געגומען זעצן מיט די פויסטן אין דער פאַרשלאָסענער קליידער-אַלמער, שרייענדיק אַ באַנומענע: — "כ'וועל מיך שעכטן, מאַמע! כ'וויל מיר אָנטאָן אַ מעשה"...

דינה, וואָס האָט שוין הפּנים ניט געקענט מער פאַרטראָגן מירלס יסורים און דאָך ניט געקענט נאָכגעבן דעם בייזן "שטן", האָט זיך פלוצים אויפגעשטעלט, איר פּנים — בלייך, דערשראָקן. אין יעדן קנייטש פון איר געפאַלדעוועטן שטערן איז געלעגן — נסיון... באַהערשנדיק די טרערן האָט זי אַ שטילן זאָג געטאָן: — "דאָס מאָל וועסטו ביי מיר ניט אויסנעמען אַז כ'וועל דיר איינמאָל ניט נאָכגעבן דיינע שמד שטיק, און וועסט נאָך כאַפּן אַ גוטן פליאַסק אין די פּיסקעס, וועסטו שוין ווײַסן אויף תמיד, אַז דער מאַמעס אַ וואָרענונג איז ניט דער ווינט אינדרויסן"...

קיין פליאַסק אין די פּיסקעס האָט מירל ניט באַקומען — פאַרט שוין געווען אַ כלה-מויד... אָבער דינה איז שנעל אַרויס, פאַרשליסנדיק הינטער זיך די גאַנצע שטוב...

מירל האָט געוואַרינט אויף אַן ערשטן שטאָק. אַ קליינע שויבן-טיר האָט געפירט צו אַ נידעריק באַלקאָנדל. אונטערן באַלקאָנדל, אַ הויכער באַרג מיט שטאָטישן אָפּפאַל. דערהערט זיך פלוצים, פון הינטערן באַרג אַ הויכער פייף. מירל רייסט אויף די שויבן-טיר און זעט: ד'ער גאַנצער אַנסאַמבל, מיטן רעזשיסאָר בראַש. גלאָצן אַרויף מיט פאַר-צווייפלטע בליקן, שטרעקן צו איר זייערע הענט גלייך זייערע לעבנס וואָלט געשטאַנען אין סכנה בלויז זי אַליין קען זיי ראַטעווען פון אונטערגאַנג... הערשל דער סטאָליאַר פאַרגרימירט, אַלס "יענקל דער שמוד" אין עפּעס אַ זעלנערישער רובאַשקע, גויאישער מאַטשעיובקע, שרייט אַרויף: — "טאַמאַרע! (נאָמען פון דער העלדין פון דער פּיעסע) — טאַמאַרא קרוין, וואַרף דיך אַראָפּ פון באַלקאָן! ווייל מען וועט דאָרט צעזעצן דאָס טעאַטער"... דער רעזשיסאָר, מיטן האַמער און ראַפּניק, טוט אַ שמיץ אין באַרג מיסט, אַז אַ רויך הויבט זיך אויף: — "אַ סוף אַן עק" — כעסט ער זיך, שפּריצט מיט סלינע — מען וועט דאָרט צעטראָגן די בינע, צעטראַסקען די בענקלעך, ווילסט מעך טראָבן אין דרערד אַריין?"...

מירל ברעכט אויס אין אַ געוויין: — "כ'בין דאָך האַלב נאַקעט, פאַרשלאָסן די קליידער, פאַרשלאָסן די שטוב. סיידן טאַקע אַראָפּשפּרינגען"...

אין א פּאָר מינוט ארום איז א קליין לייטערל געווען אָנגעהאנגען אויפן מאָכיקן באלקאָן. מירל, איינגעוויקלט אין א לייוונטענער פּלאכטע האָט א פריידיקן בליק געטאָן צום שמעקנדיקן דרויסן, דערפילט פרישע ריחות פון צייטיקע פּירות און א דרייסטן שטעל געטאָן איר באָרוועסן פוס אויף די לויזע שטאכעטן. דאָס שוואכע לייטערן האָט א שטילן קרעכץ געטאָן און זיך גענומען שאָקלען, ווי צו שמונה עשרה... מירל האָט דערזען — איבערן קאָפּ, אָן אויסגעשטערנטער הימל, ווי דער געמאָלענער סופיט אינעם אלטן בית-מדרש. אונטער די פיס, דער בארג מיט מיסט, אלעהיי א פּלושענער טעפּיך... און אינמיטן, זי אליין, די האלב-נאקעטע "פּרימאדאָנע" וואקלט זיך אויף א שיכור-לייטערל... נאָר איידער מירל האָט באוויזן צו חלשן, האָבן איר עטלעכע פּאָר געזונטע הענט, א כאַפּ געטאָן אין לופטן און אזוי־אָ, א האלב נאקעטע, געברענגט דעם "סטאר" אין טעאטער אריין...

★

מײַן טאַטע

ער איז געווען א הויכער, פולער, קרעפּטיקער, מיט שווארצע, טיפע, גוטע אויגן, ברייטע, העלע דאָזלעכע באקן, ארומגערעמטע מיט א געדיכט קיילעכדיק בערדל. אין די ווינקלען פון זיינע פולע ליפּן האָט גערוט אן אייביק שמייכעלע, באהויכט פון א שטילער, קלוגער גוטסקייט, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן זיין פּערזענלעכקייט.

אז יידן אין קראָשניק האָבן זיך געדארפט לאָדן ביים רב, פלעגן די צדדים זיך פריער ארומקריגן איבער מיין טאטנס בוררות, יעדער האָט אים געוואָלט האָבן אויף זיין צד און ס'רוב האָט ער, צוליב זיינע פּראקטישע עצות איינגעשפּאָרט די גאנצע דין־תורה.

מיין טאטנס אָפיציעלע פּראָפעסיע איז געווען — זייגערמאכעריי, און ניט אָפּי־ציעל, האָט ער פארראָכטן אלע סאָרטן קאליקעוואטע מאשינען, צעממיתטע ראָווערן, איבערגעדרייטע שרויפן פון בליץ־לאָמפּן, צעקרומטע "ביעדרעס", צעבראָכענע רייפן, געלעכערטע טעפּלעך, און ווען ביים אפּטייקער האָט זיך פארהאקט דאָס קלאַפּ-שלאָס, איז ער אויך געלאָפן צו מייז טאטן: — "באָיטשע שען באָגא, פּיוּוליו, ראטאָי"!...

זיינע סטוטשנע, אליין געמאכטע העמערלעך האָבן ניט איינמאָל צוגעקלאפּט אפּיגעריסענע זוילן ביי קבצנישע שטיוול... און אז א קינד האָט זיך פארשטעקט אן ארביסל אין דער נאָז, אָדער איינגעשלונגען א מטבע, וואָס איז געבליבן שטיין, ניט אהין, ניט אהער, איז מען אויך געלאָפן צום זייגערמאכער נאָך רחמים, און ער, מיט א פארשפּיצטן קאָרנצוועגגל אין דער האנט, א שווארצן שפּאקטיוו אויפן אויג, האָט א גיכן דלאָבל געטאָן אין דעם קינדס נאָז, אָדער האלדז, און שוין, דאָס פארבלוטיקטע ארביסל, אָדער האלב-גראָשעלע קאָלערט זיך באלד אויפן ווארשטאט און דאָס פאר־חלשטע קינד לאכט שוין אויפן קול...

אז מען פלעגט אים ווען באצאָלן פאר די אלע דיטיקע ארבעטן, האָט ער א ברוגזער אויפגעמאכט מיט דער האנט, ניט געקוקט יענעם אין די אויגן, נאָר גע־

שטאמלט א באליידיקטער: — "אייסעך וואָס, ניט כדאי, ס'איז דען מיין פאך? גייך ענק בעסער געזונטערהייט"...

צו מיין טאטנס נישט אָפיציעלע פּראָפעסיעס, האָט אויך באלאנגט חזנות. זיין וואונדערלעכע שטימע האָט תמיד אָפּגעקלונגען, ווי ריינער קרישטאָל. ווען מיין טאטע פלעגט קינסטלעריש אויסציקלען דעם סענטימענטאלן "אשרי" — פאר שופר-בלאָזן, זענען יידן געקומען פון אנדערע בתי-מדרשים צום נייעם בית-מדרש, וואו מיין טאטע האָט געדאווענט ב'חזקה — געשטאנען אונטער די פענצטער און האָבן מיט אָפענע מיי-לער געגנאָסן פון זיינע מתיקות'דיקע תפילות. מיין טאטנס גרעסטע שוואכקייט איז גע-ווען — נגינה.

ווען ס'האָט זיך ביים שטעטלשן רופא באוויזן דער ערשטער שפּיל-קאסטן, האָט מיין טאטע דעמאָלט געלאָזט אויף הפקר די גאנצע שטוב, דעם ווארשטאט מיט אלע קונים און אליין געשטאנען, גאנצע טעג און האלבע נעכט, ביים רופאס "פאָנאָגראף", זיינע פארחידושטע אויגן האָבן ארייגעקוקט אין דער גלאנציקער טרובע, געזוכט דאָרטן דעם גרויסן סוד פון דער וואונדערלעכער נגינה און ניט געהערט קיין וואָרט וואָס מען רעדט צו אים... די שטוב האָט זיך שיעור ניט איבערגעקערט, די ארבעט איז געלעגן ניט פארענדיקט, גוים האָבן געהאקט מיט די פויסטן אין ווארשטאט אריין, געסטראשעט מיט די גראָבע שטעקנס... פונקט האָט אויך ביי האָדיסל די וועש-נייערין אויפגעהערט צו סטאָרקען איר מאשין, איז זי געלאָפן צום "רופא" נאָך מיין טאטן, איר צעקרימט פּנימל האָט ווייגענדיק געבעטן: "האָץ גאָט אין הארץ, ר' פּייוולשי, ראטעוויץ מיין בידנע פּיצל ברויט"!... אָבער מיין טאטע, ארייגעטאָן אינעם חזנישן געזאנג, וואָס האָט זיך דאָרט געטראָגן פון די קיילעכדיקע וואלצן, האָט אפילו ניט געהערט איר געבעט, זיינע ליפּן האָבן נאָכגעזומט די צארטע מעלאָדיעס, געמורמלט צו זיך אליין: — "הערט נאָר די תפילות, ס'וויינט דאָך דאָס פּידעלע"...

מיין פרומע מוטער האָט געפּרואווט מיט די ווייכסטע טענער: פּייוולשי דערבאַ-רעם דעך, מ'עט דאָך אונדז איינלייגן די שטוב! — יאנטעק, דער קיילער־יונג שטשע-רעט זיינע גזלנישע ציין און סטראשעט מיט א דלאָטע, ער וויל זאָלסט אים פארעכטן ס'לאנגע מעסער... און מאטשעק דער מילנער האָט זעך צעוואליעט מיטן שווארצן כלב און גראָבן בויך — ער וועט ניט אָפּטרעטן — זאָגט ער — ביז וועסט אים צורעכט מאכן די פליגל פון זיין מיל וואָס האָט פלוצים אויפגעהערט צו מאָלן... און, פּייוולשי. — ס'איז דאָך שוין דאָנערשטיק, דערמאָן זיך נאָר — דאָנערשטיק — כ'וועל ניט באָרגן קיין מעל אויף חלות"...

אָבער פונקט ווי צו דער וואַנט. דאָס מויל איז ביי אים געווען האַלב אָפן, די אויגן טיף אין דער טרובע און די אויערן — ווי אויף אַן אַנדער וועלט. זיין גאַנצער וועזן האָט געזוכט די לייזונג פון עפּעס אַ גרויסן סוד... ערשט ווען מיין מוטער איז איבערגעגאַנגען אויף העכערע טענער, און ס׳געזאַנג פון גראַמאָפאָן האָט זיך אַריינגעפלאָנטערט אין איר געוויין, האָט דעמאָלט מיין פאָטער, מיט ביידע הענט זיך פאַרשטעלט די אויערן, גלייך ער וואָלט ניט דערלאָזט דאָרטן אויסמישן איינס מיטן אַנדערן... און לסוף, מיט זיין גוטמוטיקן שמייכלעלע איר געגומען באַרואיקן: — אייסעך וואָס דינהשי, די ערלים וועלן ניט ברוגז ווערן, יאַנטעקס מעסער וועט נאָך היינט שניידן ״קעלבאַסע״, און מאַטשעקס מיל וועל איך באַלד אָנדרייען, און וועגן חלה אויף שבת — האָבן מיר אַ גרויסן גאָט...

ביז דער רופא האָט זיך פונעם שפּילקאַסטן אינגאַנצן מיאש געווען: נעמט אים אייך, ר׳ פייוול-איסר, אַ מתנה אין שטוב אַריין — האָבן זיך זיינע געדיכטע ברעמען אַזש צעשויבערט פאַר כעס און כלומרשט וויציק צוגעגעבן: פון היינט אָן וועל איך שוין קומען צו אייך הערן מוזיק... און מיין טאַטע האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן, גענומען דעם שפּיל־קאַסטן צו זיך אין שטוב...

זינט דעמאָלט, האָט מיין טאַטע גאַנצע נעכט זיך געפּאָרקעט אינעם פּאַנאָגראַפס מעשענע געדערים, דאָרטן געזוכט דעם באַשייד פונעם גרויסן וואונדער און לסוף אויסגעפונען גרונטלעכע חסרונות... געמורמלט צו זיך אליין: — ״אַ פּאַרטאַטש, דער דאַזיקער עדיסאָן, אַ ״פושער״, אַ גרויסער ״פושער״...

אַריינצוקומען צו מיין טאַטן אין שטוב, האָט מען אין דער טיר ניט געדאַרפט אָנקלאַפּן. ווען ס׳האָט זיך איבערן שטעטל פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז ביים זייגערמאַכער איז פאַראַן עפּעס אַ קעסטל וואָס שפּילט, האָבן שוין מענטשן זיך געשטויסן אַרום די ווענט, געזעסן אויף די טישן, אויפן וואַרשטאַט און הינטער די פענסטער האָט זיך נאָך געצויגן אַ לאַנגע ריי, ווי אין די ״גוטע צייטן״ נאָך קווויטל-ברויט...

דער גראַמאָפאָן איז זיך בהרחבהדיק געשטאַנען ווי אַ יחסן אינמיטן שטוב, דורך זיין גלאַנציקער טרובע האָט דער צעהיצטער עולם אַרויסגעשיינט, ווי אַן אָנגעלויף אויף אַ גרויסן יאַריד. מיין טאַטע האָט אוועקגעשטעלט אַ קינדער־בענקעלע און געטאָן אַ באַפעל: — נו, ראָזע, קריך אַרויף אַן — זינג! דערביי האָ טער אויפגעדרייט עפּעס אַ זייטיק שרייפעלע, ס׳האָט גענומען רוישן אינעם קאַסטן, ווי אַ כוואַליענדיק וואַסער, צו מיר האָט פון דער טרובעס טיפן פּיסק אַן אימהדיקע טונקלקייט אַרויסגעשראָקן און

אנשטאָט געזאָגט, בין איך זיך גאָר פאַרגאַנגען אין א הילכיקן געוויין, וואָס איז תיכּף באַגלייט געוואָרן פונעם עולמס שטורמישן געלעכטער. אָבער, מיין טאַטע איז, חלילה, ניט אַרויס פון געדולד. פאַרקערט, ער האָט זיך גוטמוטיק צעשמייכלט: — "ס׳מאַכט ניט — האָט ער אַלעמען געגומען באַרואיקן — ס׳מאַכט ניט אויס, די פּראָבע איז סיי ווי פּאַרטיק..." ער האָט גיך פאַרזעצט א צווייטן שטיפט, אויפגעמאַכט א שרייפּל און — דער גאַנצער עולם איז פּלוצים ווי עלעקטריזירט געוואָרן, וואָרום, מיין געוויין האָט דורך דער מעמבראַנע צוריק אָפּגעשלאָגן, ווי א טרויעריק מיאַוקען פון א קעצעלע און דעם עולמס געלעכטער, ווי שיכּורע קולות אויף א גויאישער חתונה.

א פריידיק צעשטראַלטער מיט א גליק-שיין אין זיינע לאַכנדיקע אויגן, האָט מיין טאַטע נצחונדיק געמורמלט אין דער שטיל: ענדלעך האָב איך עס געפּאַקט, דערגאַנגען דעם סוד פון קענען אַליין אַרויפזינגען... מיין מוטער האָט דערביי טרויעריק צוגע־שאָקלט מיט איר פאַרבונדענעם קאָפּ: — "יאָ, טאַקע, א גליק האָט מיך געטראָפן, כ׳וועל עס קענען קאָכן אויף וועטשערע"...

נאָכדעם האָט עס אין מיין טאַטנס שטוב, ביי טאָג און ביי נאַכט, געריטשעט און געקוויטשעט, גאַנץ קראָשניק האָט אויסגעפּרוּווט זייערע שטימען אויף מיין טאַטנס דערפינדונג... עס איז אים ניט פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס כסדרדיקע אַרויפזינגען און תּיכּף אָפּקראַצן, כּדי אַנדערע זאָלן זיך אויך קענען א גאַרגל טאָן... ס׳רוב האָט עולם אינסצעניזירט א היימישע חתונה, מיט א בדחן, א כּלה באַדעקן, אָדער נאָכקאָפּירט דאָס געוויין פון א קימפּעט-קינד, דאָס בעטשען פון א קאָזע און וואָס ניט? — דאָס אמת׳ע ספּעקטאַקל...

מיין טאַטנס תּמיד ברויזנדיקע נאַטור האָט זיך לאַנג מיט קיין זאַך ניט געקענט באַגייסטערן, ער האָט אַלעמאָל געדאַרפט האָבן עפּעס נייעס און דעריבער איז אים אויך דער "פאָנאָגראַף" גיך פאַרמיאוסט געוואָרן.

פּלוצים האָט דער בליץ־לאָמפּ ווידער געגומען ברענען ביז פאַרטאָג. מיין מאַמעס האַרץ האָט זיך געגומען שרעקן, צאַפּלען פאַר א פרישער אָנשיקעניש... און טאָמער האָט זיך עמיץ פאַרגנבעט צו כאַפּן א בליק וואָס דער טאַטע מאַנדרעוועט אַזוי לאַנג אין די נעכט, פלעגט ער גלייך טאָן א דעק איבער דאָס סודותדיקע און שטרענג באַ־פעלן: — גייט שלאָפן, ס׳איז ניט ענקער דאגה...

אָבער אין שטעטל האָט מען זיך באַלד געגומען שושקען, סודען: — "ר׳ פּיוול־איסר גרייט שוין א פרישע איבערראַשונג". און טאַקע, אויף דער גרויסער "מיסיע" פון

אן אכט-טאָגיקן יאריד, וואו עס האָבן זיך געפונען אויסשטעלונגען מיט קינסטלערישע דערפינדונגען, איז אויך געשטאַנען אויף אן אָפּגעזונדערטן פּלאַץ א ווייסע, צווייליטערדיקע, פיר קאַנטיקע פלאַש און אינעווייניק א הילצערן טישעלע מיט 4 געטאָקטע פיסעלעך, איבערן טישעלע האָט געהאַנגען א מעשן לייכטערל מיט 7 רערעלעך, אין יעדן האָט געשטעקט א ווייס ליכטעלע און אויפן ברייטן קאָרק איז געהאָנגען א גראָווירט צעטעלע מיט מיין טאַטנס נאָמען.

טויזנטער באַזוכער האָבן זיך דעמאָלט געפּלפּולט, יעדער האָט געוואָלט טרעפן דעם גרויסן סוד, ווי אזוי דאָס דאָזיקע טישעלע מיטן הענג-לייכטערל איז אריינגעקומען אין דער פלאַש אריין... טייל האָבן געפּרוּווט דערגיין ביי מיין מוטער, אנדערע, בז אונדז קינדער, אָבער מיר, פּונקט ווי אלע אנדערע, האָבן געגאַפט און געשטוינט פונעם גרויסן וואונדער.

דער איינציק-שטעטלשער דאָקטאָר, געררירט פון שטוינונג, האָט פאַרעקשנט געבומען קאָנקורירן מיטן אפּטייקער, פאַרלייגנדיק קעגן יענעמס דרייסיק, פופציק רובל... מיין מאַמע האָט זיך פאַר דער דאָזיקער סומע אזוי דערשראָקן, אז זי האָט אזש א ציטערדיקע און מיט א פרישן דרך ארץ, גענומען אָפּשטויבן דעם טאַטנס צעבראַסטעטע כאַלאַטל... מיט דער דאָזיקער טאַט האָט זי אים ארויסבאַוויזן חרטה אויף איר שטענדיקער ביטול-באַציאונג צו זיינע קינסטלערישע דערפינדונגען... אָבער מיין טאַטע האָט זיך צום האנדל ארום זיין ווערק גאַנץ קאַלט באַצויגן. בכלל האָט ער פאַר געלט ווינציק דרך־ארץ געהאַט און עס קיינמאָל ניט אָפּגעשאַצט... — "געלט"? — פלעגט ער אוועקמאַכן מיט דער האַנט — "געלט איז בלאָטע... און אפילו פאַר קיין הונדערטער גיב איך אויך ניט אוועק מיין פלעשל"... פונדעסטוועגן, ווען מיין מאַמע האָט אויף אים געטאָן א פיל-באַדייטנדיקן קוק און זייטיק אים גענומען איינרוימען אויפן אויער, "פּאַראַן אין שטוב א פאַר טעכטער חתונה צו מאַכן... און די מחותנים פון דער עלטסטער טאָכטער סטראַשען: "אויב סוועט ניט זיין קיין "שס" מיט א שטריימל צו דער חופּה, איז אויס שידוך"... און גלאַט־ארויפציען אביסל לייטישע הלבשה, וואָלט אויך ניט געווען קיין עבירה... היינט מיטן ביסל טעגלעכע חיונה, איז נאָך אויך ניט אזוי פויגלדיק... און "פּיוולשי טייערער" — האָט זיך די מאַמע שטיל געבעטן — "קינצן פון ארײנשטעלן טישלעך אין פלעשער אריין, וועסטו דאָך יעדן טאָג קענען... דערבאַרעם דעך איבער אינץ — פאַרקויף די שמאַכטע"...

און — מיין טאַטע איז ווייכער געוואָרן...

נאָר שפּעטער, נאָכן אָפּטאַנצן די דערגרייכטע חתונה, פלעגט מיין טאַטן פלוצים באַפאלן ווערן פון א בענקשאַפט צו זיין קונסט־ווערק, וואָס איז געווען ארויסגעשטעלט אין אַפּטייקערס ברייטע פענצטער. ניט איינמאָל זיך שטיל פארגנבעט, געקוקט פונוויטנס אויף זיין אויסגעחלומטן וואונדער, זיך גוט אָנגעשפּיגלט, אָנגעזעטיקט, און — זיך באַרויִקט . . .

אָבער קיין אַנדער פלעשל האָט מיין טאַטע מער ניט געמאַכט. זיין לעצטע וואונדער־אַרבעט איז באַשטאַנען פון א מעשענער נאָדל, אָן אויסגעהוילטער מיט א שאַרפן שפּיץ.

געווען איז עס דעמאָלט, ווען מיין טאַטע איז געגאַנגען צופוס פון לובלין קיין קראַשניק, געוואָלט זיך איינשפּאָרן די הוצאות... און זיך געאיילט אָנצוקומען אין צייט, כדי ניט מחלל שבת צו זיין... זיך גוט דערשוויצט, פארקילט און א פּאָר טעג שפּעטער, האָט מען שוין געמוזט ברענגען דעם דאָקטאָר בערנאַצקי פון לובלין, וואָס האָט אים אָפּגעצאַפּט וואַסער פון דער פארקילטער זייט... דאָס האָט געחתמעט זיין גורל... אין מיין טאַטנס קערפּער האָט זיך געשאַפן אַן אייגענער "ברונעם"... פון וועלכן מען האָט יעדע פּופצן טעג געמוזט אָפּצאַפּן דאָס וואַסער... און — אפילו ראָטשילדס פארמעגן וואָלט דעם דאָזיקן "קוואַל" ניט געקענט אויסטרוקענען... און מיין טאַטע, שוין מיט א פארגעלטן פּנים האָט זיך איינמאָל פלוצים א וויצל געטאָן, אַז: א "פּלומפּער" צו זיין אייגענער וואַסער־לייטונג מוז מען ניט דווקא ברענגען פון לובלין, ער וועט פּרוּוון זוכן עפּעס א נענטערן "מעכאַניקער"...

זינט דעמאָלט האָט מיין טאַטע זיך געמאַכט א קליין וואַרשטאַטל ביי זיין בעט און אַזוי ווי מיר זיינען שוין צוגעוואוינט געווען צו זיין שטענדיקן דלאָביען, פיילן, שלייפן, האָבן מיר אויך איצטער קיין אַכט ניט געלייגט אויף זיין מאָנדרעווען מיט דראָטן און מעשענע בלימלעך, ביז — אין א טריבער, טיפער נאַכט, זיינען מיר אַלע פלוצים אויפגעוועקט געוואָרן פון מיין טאַטנס א מוראדיקן קרעכץ, וואָס האָט אַלעמען געמאַכט אויפציטערן פאַר שרעק: — "געוואַלט, טאַטעניו, וואָס איז געשען? — וואָס האָסטו שוין ווידער אָפּגעטאָן?..."

— "גאָרניט קינדערלעך, גאָרניט" — האָבן זיינע בלייכע ליפּן שטאַרק געצי־טערט: — "כ'האָב געוואָלט אַליין אָפּצאַפּן ס'וואַסער — האָט ער שטיל געמורמלט, בעת זיין רעכטע האַנט איז געווען צוגעדריקט צו דער קראַנקער זייט, פון דאָרטן האָט אַרויסגע־שיינט א לאַנגע נאָדל וואָס דער שפּיץ איז שוין געווען אַריינגעשטעקט פינקטלעך אויפן

פלאַץ פונוואַנען מען פלעגט אים אָפּצאַפּן דאָס וואַסער... אָבער, ער האָט ווייזט אויס, די נאָדל, וואָס ער האָט אַליין פאַבריצירט, ניט פאַרשטעקט גענוג טיף, איז דאַריבער, אַנשטאָט וואַסער, בלויז געפלאָסן, דורך איר אויסגעהוילטקייט — אַ דין ריטשקעלע בלוט...

אָט אַזוי האָט אויסגעזען זיין לעצטער איינפאַל...

און אין אַ קאַלטן נאָוועמבערדיקן שבת־צו-נאַכטס, ווען מיר קינדער, אומגליק-לעך-פאַרצווייפלטע האָבן פאַריאָמערט די טרויעריק געוואָרענע שטוב מיט אונדזערע האַרצרייסנדיקע געוויינען און די מאַמע, שוין הייזעריק, מיט אויסגעטרוקנטע אויגן, האָט געהאַלטן אין איין שרייען: — ניין! — ניין, איך וויל ניט זאָלסט אונדז איבער-לאָזן אַליין... דעמאָלט, האָט דאָס שטעטל, יידן און גויים, מיט געבויגענע קעפּ, צום לעצטן מאָל, זיך סודותפול געשושקעט:

— "שוין — ניטאָ מער ר׳ פּיוול־איסר, ניטאָ מער דער זייגערמאַכער, דער חזן, דער מעכאַניקער, דער קינסטלער, דער עצה-געבער, דער גוטער און קלוגער ייד פון קראָשניק"...

★

נייע הוים

א פּורים־מלכּה

קוקנדיק אזוי אינעם געשליפענעם שפיגל, באטראכטנדיק צופרידן אירע גוט-געפורעמטע גלידער, ברענגט עס איר צוריק צו יענעם ערב-פורים, ווען זי, דאָנא עלזא, איז נאָך געווען — עלקעלע דעם בעדנערס "ליאלקעדיקע צאצקע"... און יונגווארג האָט דעמאָלט באשלאָסן צו ווערן "מאָדערן" — געמאכט א פורים-באל, מיט מאסקעס, גע-היימע "פּאָטשט" און מיט דער קרוינונג פון אן אסתר-המלכה...

כאָטש אינדרויסן איז שוין געווען פרילינגדיק, איז אָבער יענער טאָג נאָך געווען האלב-ווינטער, האלב-זומער. קאַיאָר האָט נאָך געכאפּט א גרינג פרעסטל, וואס די פרי-מאָרגן-זון האָט באלד פארוואנדלט אין א שיטערער בלאָטע. פארנאכט האָט עס ווידער פארסטאַיעט דעם מארק, גלאָזיק געמאכט די טריט, אָבער עולם האָט געשטראָמט צו דער פייערלעשער-שאָפּע, וואָס איז אין געציילטע שעהן פארוואנדלט געוואָרן אין א "פּאלאץ". אויף די אָפּגעשיילטע ווענט, גלאנצנדיקע פּאפּירן, וואָס האָבן זיך געמיניעט אין כלערליי פארבן. א געוויקל פון פּאפּיר-קייטן האָבן זיך געשלענגלט זיגזאגיש איבערן גאנצן סופיט. קיילעכדיקע, פון טאָוול-געשניצטע לעמפּלעך, מיט אָנגעצונדענע ליכט-לעך, האָבן געשאפן א פאנטאסטישע מאָזאיק.

די שטאָט-קאפעליע, אין פּאַיאַצישע היטלען, קאָזאצקע הויזן מיט רויטע לאמ-פּאסן, האָבן לאנג געסטראַיעט זייערע אָפּגעריבענע אינסטרומענטן. דער טראָמבאָן, האָט ווילד געטראָמביעט, דער סאקסאָפאָן — געקוויטשעט, ס'קלארנעטל — געפּיפּן און די גרויסע פּויק האָט זיי אלע אריבערגעהילכט.

די פארמאסקירטע שניידער-געזעלן, צומיינסטן אין געפּאסטע הויזן, שמאָלע פראקן, הויכע צילינדערס, מיט מאָנאָקלען אויף איין אויג, האָבן מיט זיך פארגעשטעלט — "לאָרדן"... באלמעלאָכע-מיידלעך, אין בונטע קרעטאָנען, לאנגע פּאָוולאָקן, מיט קרוינעע אויף די קעפּ, האָבן אימיטירט — פּרינצעסינס... די רייכערע האָבן זיך גאָר פארקליידט אלס בעטלער, לאטשאזשעס און אפילו נאָכקאָפּירט — קוימענקערער... און

אלע, מיט מאסקעס אויף די פנימער...

בלויז זי, עלקעלע, איז דעמאָלט דערשינען אלס א ציגיינערין. פון אן אלטן, רויטן איבערצייג, געמאכט א ברייטע ספּודניצע. פון איר מאמעס "לאשטשינע-קלייד" — א צעלאָזטע בלוזקע, מיט א סך בייטשלעך קרעלן, א פעשל קאָרטן אין די הענט און א שווארץ מאסקעלע אויפן פנים. צוליב איר גראציעזער הויך און זגראבנעם געשטעל, האָט איר עולם געמאכט א פייערלעכע אָוואציע: הורא! און הוראַ! — גלייך עפּעס א קעניגין וואָלט דערשינען...

עלקעלע דעם בעדנערס "ליאלקעדיקע צאַצקע", איז גראָד געווען דאָס אָרעמסטע מיידל פון שטעטל, שווער געהאָרעוועט ביי האָדיסל די נייערין, אויף א שטיקל פּיסנע ברויט, אָבער געבענטשט געווען מיט נאַטירלעכער שיינקייט — דערפון איר נאָמען — "ליאלקעדיקע צאַצקע".

אין דער שאָפּע איז געווען ששון-ושמחהדיק. די קאַפּעליע האָט קודם אויפגעש-פּילט: שושנת-יעקב. באלד איבערגעגאנגען צו פאָלקס-ניגונים. דורך די אָפענע טירן־פענצטער האָבן די געזאנגען זיך דערטראָגן צו די פעלדער און לאָנקעס, וואו די וואַר־טער האָבן אָפּגעעכאָט: — "א ייד צו זיין איז טייער, א ייד צו זיין איז גוט, — שרייען עלעך ביזן טויט אריין"... מען האָט געטאנצט צום טאקט פון "פינטעלע ייד", פון "כינ-קע-פינקע", פון "עקדת-יצחק, — יידישלעך...

די פארמאסקירטע האָבן זיך געשושקעט, געוואָלט דערגיין — ווער ס'איז — ווער... זיך געשיקט ליבע-בריוועלעך, וועלכע מען האָט אויסגערופן לויט נומערן, וואָס אלע האָבן געטראָגן. און צום סוף האָט מען געמוזט אראָפּנעמען די מאסקעס, ווייל א ספּעציעלע זשורי האָט געפּסקנט: "ווער ס'איז אזוי שיין — ווי אסתר המלכה...

ווען עלקעלע האָט געטון אן אנטבלויז איר לויטער פנים, האָבן אירע בלישטשענ-דיקע אויגן אזא בלענד געטון, ווי בורשטינען געפּאסט אין זילבער. אירע צוויי שווארצע צעפּ, פארדרייט אין ציגיינערישע ראָלקעס, האָבן זיך-געטון א צעכוואליע אויפן ווייסן דעקאָלט, ווי בלישטשענדיקער סאַמעט אויף קלאָרן אלבאסטער. אירע הויכע פיס — די עלאסטישקייט פון א יונגן הירש, אירע הענט — געשניצטער העלפאנד-ביין...

נייןֿ, נישט געווען קיין שום קאָנקורענטקע צו עלקעלע דעם בעדנערס אָרעמע מיידל... און זי איז טאקע געוואָרן די פורים־מלכה פון שטעטל...

קוקט זי איצטער אין שפּיגל, עלקעלע, קוקט אויף איר האַלב־וועלקנדיקער שיינ־קייט, און עס טויכן־אויף די שווערע, פאַרפלאָנטערטע, פול מיט אַראָפּ־און־אַרויפיקע וועגן, וואָס זי איז זינט דעמאָלט שוין אַדורכגעגאַנגען... אירע וואַנדערונגען און גיל־גולים, ביז איר מגולגל ווערן קיין בראַזיל. אַ לאַנגער און שווערער וועג געווען. לסוף דאָ חתונה געהאַט, רייך געוואָרן, רופט זיך דאָנאַ עלזאַ, האָט שוין אַ דערוואַקסענע טאָכטער, וואָס קלייבט זיך טאַקע אויך צו אַ פּורים־באַל...

איז אָט די דאָזיקע קלייניקייט, האָט דאָנאַ עלזאַן געבראַכט צו אירע איצטיקע מחשבות... דעמאָלט, איז איר ציגײַנערישער טראַכט אויפגעשטעלט געוואָרן אין גע־ציילטע שעהן, בעת דאָ האַלט עס שוין אָן גוטע צוויי חדשים...

דאָנאַ עלזאַ ווייסט אַז איר טעכטערל לאַהלע, וואָס מען רופט דאָ "לינדינאַ" (שיינ־הייט) איז שוין גאָרנישט אַזאַ "לינדאַ"... די קליינע האָט גראָד געירשנט איר פאָטערס וואַסערדיקע אייגעלעך, זיין לענגלעך־מאַנצביליש פּנים, טונקעלע האָר, שיטער און שטרויעדיק. אויך איר וואוקס איז געבליבן — נישט־אַהין־נישט־אַהער... הענט און פיס — קורצע און קרעפּקע. אויך איר טאַליע וואָלט געקאָנט זיין — מאָגערער...

דאָך האָבן טאַטע־מאַמע באַשלאָסן: — פּרוּוון... — "ס'איז דאָך בראַזיל, אָנגע־זעענע גבירים, וואוינען אין אַ פּאַלאַץ, און ס'טעכטערל, ווייסן זיי, חלומט אין דער שטיל... חלומט אַ מיידלישן חלום... חלשט צו ווערן די "אסתר־המלכּה" פון דער קו־מענדיקער פּורים־ביילע"...

שמועסנדיק אַזוי, שטילינקערהייט, צווישן זיך גערעדט, האָט דאָנאַ עלזאַ אַ שוש־קע־געטון איר מאַן אויפן אויער: — "פעדראָ־לעבן, אפשר — רעזיגנירן?... ווייל, טאָ־מער נישט, און — ס'קינד קאָן זעך נאָך חלילה — שאַכטן"...

האָט סעניאָר פּעדראָ אַ גראַבלעכן לאַך־געטון, מיט דער איראָניע פון אַ מענטש, וואָס קען גוט דעם כּוח פון עשירות, און אַ זאָג געטון: — גאַי שוין גאַי, שוטה, זעט ועך נישט דאַרפן שאַכטן, אַז מ'עט גיט אַראַנזשירן, עט מע גיט — אַראָסנעמע"...

קודם באַשטעלט ביי דער טייערסטער מאָדיסטין אַ קליידל פון פיינסטן לאַמעי־גאָלד. פונעם זעלבן שטאָף, באַשטעלט די שיכלעך, אויף העכסטע קלעצלעך און לענגסטע שפּיץ־נאָסקעס. אויך ס'טעשעלע, פון ריינעם גאָלד געפלאָכטן. אירע שטייפע האָר, ביים קינסטלער־פריזיר אַנדולירט אַזוי, אַז ס'איז נישט געווען צום דערקענען די — "סטרו־נעס"... אין אירע קליינע אייגעלעך — טראָפּנס צום גלאַנצן, און צום פאַרגרעסערן...

אירע שיטערע ברעמען, אונטערגעטראָסקעט מיט העלע-ליליא און טונקעלע זילבער-פארבן, וואָס איבעראַנדערשן ממש דאָס גאַנצע פּנים... איר ביינערדיקע דעקאָלט, באַלייגט און באהאָנגען מיט בייטשלעך עכטע פערל־שטיינער... ס'לאַנגע מענער־פּנים, אינעם גרעסטן שיינהייט-סאלאָן, אויסגעגלעט, אויסגעמאָלן, געמאַכט פון א "דראָנ-ושעק" א שיינע ליאַלקע...

פורים-אָוונט, אָנשטאָט א גליטשיק פּרעסטל, א פּרעכטיק אויסגעשטערנטער הימל, די פולע לבנה, גלייך זי וואָלט אויך ערשט ארויס פון שיינהייט-סאלאָן — א "טאָק"...

דער סאלאָן פון "יוגנט-קלוב", מיט הונדערטער אבאזשורן, קאַנדעליאַברעס, פּראָושעקטאָרן, ווארפן סנאָפּעס ליכטער, ווי קינסטלעכע זונען אויף דעקאָרירטע ווענט, די געשליפענע שפּיגלען פאַרטאָפּלען די שטראַליקייט, פּארלענגערן און פארברייטערן דעם אויסגעפּוצטן סאלאָן. אַן ערשטקלאַסיקער אָרקעסטער צעלאָזט זיך אין "סאמבאס", וואלסן, "ראָק ענד ראָל"... יוגנט טאַנצט, זינגט־מיט. דורך די ברייטע פענצטער צעטראָגט זיך דאָס געזאַנג איבערן גרויסן בלומענגאָרטן: — "מאמאי יוקערל!... מאַמאַי יוקערל!..." (מאמע, איך וויל).

לינדינא, אין איר אָנגעסטראָיעטן טראַכט, הויך אויף די קלעצלעך... און "שלאַנק" — פונעם קאָרסעט, דערשיינט מאַיעסטעטיש מיט גראַציע און — פּאָריע...

דאָנא עלזא, אין שווארצן סאמעט, גוט-פּריזירטן קאָפּ, שמאָלער טאַליע און פּרעכטיק-גרויסע אויגן — איז גאָר די אמתע קאָנקורענטקע...

סעניאָר פּעדראָ, אין שווארצן פראַק, פּאָמאַדירטע האָר און צעצויגענעם פּנים — די אמתע קאָפּיע פון זיין טאָכטער...

לינדינאַס דערשיינען רופט ארויס שטורמישע אָוואַציעס... כאָטש זי אליין זעט מען כמעט נישט ארויס, נאָר הויפנס גאָלד... גאָלד... און — גאָלד...

לינדינא ווערט גלייך איינגעלאַדן פון די רייכסטע און עלעגאַנטסטע בחורים צום טאַנצן... איר לאַמעי-קלייד — אַן אָנגעבלאָזענער באַלאָן פון גאָלד. אירע שיכלעך — דאָס טעשל און ברייטע גאָלדענע בראַסלעטן בליאַסקען איבערן סאלאָן, ווי קינסטלעכע פייערן, דרייען זיך מיט, ווי גאָלדענע רעדער, שעמערירן, גלאַנצן, בלענדן און — פאַרבלענדן...

די זשורי האָט זיך לאַנג נישט פאַרזוימט, נישט געווען קיין צווייפל באַזונדערע מיינונגען, דער אורטייל איז געקומען גיך און קאָנקרעט:

סעניאָריטאַ לינדינאַ איז אויסגעוויילט אַלס די פּורים-מלכּה פון דער היינטיקער "ביילע"...

"הוראַ! הוראַ! בראַוואָ! און — בראַוואָ!"...

געגוי ווי דעמאָלט, ביי איר מוטער אין שטעטל.

צום אַהיימגיין, האָבן טאַטע־מאַמע נאָך ווארעמער געפירט זייער געקרוינטער קע־ניגין... מאַן און ווייב האָבן זיך שמחהדיק איבערגעקוקט. סעניאָר פּעדראָס אויגן האָבן געפייערט פון נצחון... און אינדערשטיל זיך געווענדט צום ווייב:

— "אַנו, האַ? עלקע-לעבן? וואָס זאָגסטו איצטער? האַ? זעט זעך טאַקיש שאַכטן?"...

★

«גרינס אויף שבועות»

אין דער גרויסער, רייכער שטוב, מיט ברייטע פענצטער צום ים, איז איצטער בין השמשותדיק-טונקל. דורך די צוזאמענגערוקטע גארדינען שמינקלען זיך קוים לעצטע שטראלן פון אונטערגייענדיקער זון. דער געזשום פון ים-כוואליעס פארשטארקט בלויז די שטילקייט פון דעם אין שאָטנס איינגעהילטן סאלאָן.

סעניאָר דאוויד טוט א דריק ביים עלעקטרישן קנעפל, ס'נעמען פליצן ליכט-שפיזעלעך פון די קרישטאָלן, גלייך די זון וואָלט צוריק אפער פון האָריזאָנט... אויפן שויס פון ים ליגט א גרויער, פארראָסטער שפיגל. אויף דאווידס מידע אויגן, א לייכטער דרימל. אין די געשליפענע שפיגלען ליכטיקט דער אָפשיין פון פּאָלירטן זילבער, ס'פערלט דער בליאסק פון דינעם פּאָרצעליי, ס'שאפט דעם איינדרוק, ווי א קינסטלעכע זון וואָלט באלויכטן די ווענט... דאווידס אויגן פארטראָגן אָבער ניט מער קיין צו שארפע ליכט, טוט ער אויפסניי א דריק ביים קנעפל, ווערט די שטוב פול מיט שאָטנס... דער דרויסן — פול מיט געזשום און ביי אים אין קאָפּ — פול מיט צעמישטע און צעדרייטע דערמאָנונגען...

סעניאָר דאַוויד עפנט שטיל די טיר צום עס-זאל. די ברייטע וועראנדע איז פול מיט גרינע פלאנצן. די שקיעה — שיין, פארבט זיי אויף ראָז און וויאָלעט. דער לאנגער טיש — פיל מיט זילבער-געשיר, געגרייט צום שבועותדיקן מאָלצייט. פון דער קיך שמעקט ארויס פוטער-געבעקס, בלינצעס, קעז-קוכן. אלץ גענוי ווי סעניאָר דאוויד האָט נעכטן באפוילן.

דאָנא רעזשינא באווייזט זיך מיט קלאָמבעריס אין די פארדרייטע האָר, פעטן קרעם אויף איר נאָך יוגנטלעכן פנים און א ליבלעך שמייכעלע אין אירע גרינע אויגן. דאָס פּאָרפּאָלק קוקט זיך שטיל און פריינטלעך אָן. דאָס דאָזיקע באדייטונגספולע קוקעלע, קומט ביי זיי פאָר כמעט יעדן ערב שבועות. באזונדערס אין די לעצטע פּאָר יאָר...

אָבער היינט פאַרהאַלטן זיך זייערע סודותפולע בליקן אַביסעלע לענגער, טיפער און עפּעס — שרעקעוודיק...

א שטילער קלונג ביי דער פראָנט-טיר רייסט איבער זייערע בליקן. אויף דער שוועל באַווייזט זיך א ליוורירטער משרות, טראָגט א ברייט צעוואַקסענעם "ניטל-בוים" וואָס קען זיך קוים אַדורכשטופּן דורך דער געעפענטער טיר. דאָס בייגעלייגטע קאַרטאָנדל איז פון זייער טאָכטערס חתן — ער שיקט זיי "גרינס" צום היינטיקן יום-טוב. פינף מינוט שפּעטער, מ'קלינגט, — א פרישע יאָלקע, שוין אָן אויסגעסטראָיעטע, שפּאַרט זיך קוים אין דער טיר אריין. דאָס איז פון זייער זונס כלה און די זעלבע מעשה...

טאַטע־מאַמע קוקן אויפסניי זיך איבער, שוין אָן יענעם גליקלעכן שמייכעלע... א וואַלקנדל שאָטנט שוין אויף זייערע פנימער — פאַרוואָס גראָד היינט אזא אנטוישונג?... און למאי האָט ער זיי געכטן ניט דערקלערט גרינטלעכער, זיינע קינדער, אין וואָס עס האַנדלט זיך?... און פאַרוואָס טאַקע אזוי שפּעט זיך דערמאָנט?... אזוי שפּעט, אזוי שפּעט...

סעניאָר דאַוויד ציט זיך צוריק אין סאַלאָן, שליסט די ווענעציאַנעס אזוי, אז קיין פּיצל ליכט זאָל אהער ניט אַדורכדרינגען. ער וויל איצט זיין מיט זיך אליין, כדי בעסער צו זען, קלאָרער צו קענען טראַכטן. ער לענגערט זיך אויס אויפן פּלושענעם דיוואַן, שליסט די מידע אויגן און באַלד זעט ער, ווי דורך א געדיכטן טיול, די גרויסע התלהבות פון א היימישן שבועות: מתן־תורה, גאָט האָט אונדז אויסגעוויילט פאַר זיין פאָלק... וואָס פאַר א פּרעכטיקע צוגרייטונג. חסידישע יידן האָבן פאַרקלעפּט די שויבן מיט קינסטלעכע רייזעלעך, מיט מלאכים וואָס טראָגן די עשרת הדברות אויף זייערע פליגל... רייזעלעך וואָס האָבן פאַרגעשטעלט משה רבינו אויפן בארג סיני. אנדערע, — ווי דער הימל שפּאַלט זיך. און סתם קינסטלעכע בילדער וואָס אָרעמע פאָלקס-יידן מיט רייכע פאַנטאַזיעס האָבן צוגעטראַכט. יאָ, דאָס איז אַלץ געווען אמאָל, אָבער איצטער?

סעניאָר דאַוויד וויל דערווייל ניט צוריקגיין צום איצטער. אים איז ניחאַ צו קוקן אין דער פאַרגאַנגענהייט... אַלע שבועותן וואָס ער געדענקט זיינען געווען כולו יום-טוב, כולו שיינקייט, פול מיט טראַדיציאָנעלן חן. דאָך איין שבועות שיילט זיך אים אויס בולטער, קלאָרער און א סך פריידיקער פון אַלע שבועותן.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט א הייסער, אָן אָנגעפּיקעטער מיט זון, שמעקנדיק — בעז און באַטעמטן מילכיקס. ער איז דעמאָלסט אהיימגעקומען פון בית-מדרש פריער

ווי שטענדיק. די שאַרפע ריחות פון ציטיקע זאַנגען, "שטשינעס" און קאָרנבלימלעך, האָט געשאַפן אַזאַ מין בענקשאַפט, אַזאַ פאַרחלומטקייט נאָך עפּעס ווייטס, פאַרהוילנס... זיין פרומער טאַטע האָט זיך געהאַלטן אין איינחזרן: "אקדמות מילין ושריות שותא"... און פּלוצים זיך אַ ווענד־געטאָן צום אַריינגעקומענעם זון: — גוט, וואָס ביסט געקומען, דודל, גיב נאָר גיכער אַ שפּרונג אויף דער "גראָבליע", דו וועסט אָנרייסן אַ פּאָר צווייגן, עטלעכע באַנקן, אַביסל "טשאַטשקעס", נישטאָ נאָך קיין גרינס אויף שבועות, מען דאַרף באַצירן די שטוב מיט גרינס־העיעסט, דודל? "באַלעמיטשע" נישט...

דערהערט אַזאַ מין פרייהייט, האָט דער שלאַנקער דודל אַ פאַרגלעט געטאָן זיינע געדרייטע פאַהלעך אונטערן פּליטקע היטעלע, גיך אַריין אין די שבתדיקע שטיוועלעטן, זיך אַ שפּיגל געטאָן אינעם האַלבירטן וואַנט־שפּיגעלע, זיין יוגנטלעכע רייפקייט האָט שטיפעריש צוריק־געשפּיגלט, ער האָט געכאַפּט אַ גיכן נאַש פון די זיסע פּוטער־געבעקסן און — היידאַ.

אויף די גרינע לאָנקעס — אַ סימפאָנישער אָרקעסטער: דאָס לויטערע טייכל האָט געזשומעט, געזשומעט, געלערנט עפּעס אַן אויסטערלישן שיעור... אַרום טייכל, דאָס קוואַקן פון זשאַבעס, געטרילער פון גרילן, זיסער פייגל־געצוויטשער, אַ רוישן און פייפן פון אַלע מינים באַשעפענישן. וואָס האָבן געווידמעט זייער געזאַנג צום אייביקן באַשעפער...

פאַרשיכורט מיט די אַלע ריחות פון געשניטענעם היי, ציטיקן קאָרן און גאָל־דענע ווייצן־זאַנגען, פאַרכישופט פון זוניקן ליכט־שפּיל, נאַטור־אָרקעסטראַציע און ווייטן פּאַסטוך־געפייף, האָט זיך דודל אַביסל צוגעשפּאַרט אונטערן קילן שאָטן פון אַ צע־וואַקסענעם בוים, וואו דאָס שאָרכן פון טייכל, פייגל, געזאַנג און צווייגן־גערויש האָט אים גיך פאַרשלעפּערט און — באַלד אַ חלום געטאָן — רייזעלע... תמיד איז זי פריי־לעך, דעם שכנס מיידל, שטענדיק צעפלאַשעט. איר געבלימטע קליידל אַלעמאָל פאַר־קירצט און פאַרשמעלט... אירע פולע אָרימס פּלאַצן שיער אין די שמאָלע אַרבל... צו אירע לאַנגע פיס גרייכט קיינמאָל ניט קיין צודעק... אירע פאַרקיילעכיקטע היפּטן, ציי־טערן ווי אויפגעיורן טייג, וויגן זיך ביים גיין, שטאָלצירן מיטן הויכן געשטעל... און פון דער קלענסטער נאַרישקייט: — כאַ־כאַ־כאַ! עס דאַכט זיך אים אָפט, אַז גלעקעלעך קלינגען. איר עלאַסטיש געגנגל טענצלט איבערן קאָרידאָר, ווי יאַ געקלאָפּ פון דריבנע העמערלעך. אים דאַכט זיך, אַז די שויבן ציטערן אַזש און — זיינע מחשבות גנבענען זיך באַלד אַרויס פון דער גמרא... יאָגן נאָך די גלעקעלעך... סרוב טראַכט ער, אַז איין מאָל וועט ער איר מוזן אַ פרעג טאָן: וואָס איז דאָס געלעכטער, רייזעלע?... אָבער אַלץ

בלייבט ביי אים אין דער מחשבה... וואָרים טרעפט ער זי אמאָל, גייט באלד אויף אויף זיין פנים דער אָפשיין פון א שריפה... ווערט געהאמעוועט זיין יעדער באוועג און זיין לשון ווי אָפגענומען... אָבער, אמאָל, אז ער וועט זי פאקן אליין אינעם טונקעלן אדורכ־גאנג, וועט עס זיכער געשען, ער וועט איר א זאָג טאָן: — געגוג דאָס שפּילן זיך אין באהעלטעניש, דאָס פּאסט פאר קליינע קינדער... און דער עיקר: וואָס איז דאָס לאכן אונטער מיין טיר?...

אָבער, שאַ, וואָס הערט ער איצטער? דאכט זיך, אז יאָ, — כאַ-כאַ, כאַ-כאַ! — וואו בין איך? חלום איך? ווער לאכט דאָ?

צוויי פּאָר אויגן, גרינע און שווארצע, האָבן צום ערשטן מאָל שארף און דרייסט זיך שטיל אָנגעקוקט... ערשט נאָך א לאנגער פויזע, האָט רייזעלע ארויסגערעדט: — „שעמסט זיך ניט, דודל, דער הימל ברענט דאָך... פייגעלעך זינגען שירה, דאָס טייכל דאוונט שוין מנחה און דו שלאָפסט?"...

— „פאר דרויסנדיקע פייערן שעם איך זיך ניט... און דו זינגסט שענער פון אלע פייגעלעך. און מיך וועקט נאָר אויף דיין תפילהדיק געלעכטערל"...

— „וואָס-זשע טוסטו איצט אויף די לאָנקעס, דודל?"

— כ'בין געקומען רייסן אביסל גרינס אויף שבועות... און דו, רייזעלע?...

— איך? הם, איך אויך דאָס זעלבע...

— דיינע אויגן זיינען גרינער פון שענסטן גרינס...

רייזעלע טוט א שטילן לאך און פרעגט:

— ווילסטו אפשר רייסן מי טמיר בשותפות?

— מסכים.

זון האָט אָנגעצונדן די ביימער-שפּיצן מיט כלערליי פייער-ווערק. איינגעדעקט דאָס קלאָרע טייכל מיט א ראָזער קאָלדערקע. די געדיכטע גראָזן האָבן געפּערלט מיט פרישן טוי. פון די אויסגעשפּרייטע פעלדער און נאָענטע וועלדער, פון וועגן און שטעגן — א פארנאכטיקער געצוויטשעריי, געטרילערייי, א זשוזשעריי און זשומעריי — דאָס געזאנג פון אלע געזאנגען... גלייך נאטור אליין וואָלט זיך געפּעדערט צו מתן-תורה...

— גיב מיר, רייזעלע, דיינע צווייגן — האָט דודל פאַרחלומט אַרויסגערעדט — דיינע צווייגן זיינען שווער פאַר דיר, מיינע טשטשינעס זיינען לייכטער.

רייזעלע דערלאַנגט אים אירע צעפּלאָשעטע ביימעלעך... דודל איר — זיינע ברייטע גראָזן, וואָס קזשיפּיען ווען מען טרעט אויף זיי. רייזעלעס צווייגן זיינען אויס־געוואַרעמט, שמעקן פון איר צייטיקן לייב... דודלס טשטשינעס זיינען קיל, פייכט און דימענטלען מיט פרישן טוי.

— ווייסטו, רייזעלע, אַז היינט ביינאַכט וועט דער הימל זיך שפּאַלטן?

— כ׳ווייס דודל...

— ווייסטו ווען מען שרייט אויס אין דער ריכטיקער מינוט דעם מענטשנס פאַר־לאַנגען, ווערן זיי מקוים?

— אַזוי זאָגט אויך מיין טאַטעשי.

דודלס אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף רייזעלעס פאַרקירצט און פאַרשמעלט קליידל, ער האָט איר שעמעוודיק דערלאַנגט זיין בלייכע, אויסגעצערטלטע האַנט, וואָס האָט לייכט געציטערט:

— קום אַרויס היינט ביינאַכט אויף דער "פּאַטשינע", וועלן מיר צוזאַמען אָפּ-וואַרטן דאָס שפּאַלטן זיך פון הימל.

— דו גלויבסט טאַקע אין דעם, דודל?

— זיכער... אפשר וועלן מיר באַוויזן אין דער ריכטיקער מינוט אויסצושרייען אונדזערע בקשות...

— זיי וועלן דען מקויב ווערן?...

— אַז דו וועסט קומען, וועט ווערן...

אויף דער פּאַטשינע איז געווען קיל און שטיל. אַרום — געוויקסן פון קראָפּיווע, מאַן-בלימעלעך, און ווילדע קרייטעכצער. די האַלבע לבנה האָט זיך געבלייכט אין לוי-טערן הימל, ווי אויפן יום-טוב-טישטוך אַ שבועותדיק ראָגעלע... אַ פאַרבלאָנדזשעטע ציג האָט רואיק געקייט דאָס שפּעדיקע גרינוואַרג. פון ערגעץ וויט האָט אַן איינזאַמער הונט אויסגעוויינט זיין טרויעריקע בענקשאַפט... פון די אָפענע פענצטער האָט זיך גע-

הערט דאָס פארחלומטע געזאַנג פון תיקון שבועות און בעת דער שטאָט־זייגער האָט שלעפעריק אויסגעשלאָגן צוועלף, האָט דודל, צום ערשטן מאָל אין זיין פארטרוימטן לעבן, געהאלטן א פּאָר ווארעמע מיידל־הענט אין זיינע. אויך דאָס קלאַפּן פון זייערע הערצער האָט פארטויבט דעם זייגערס געקלאַנג... און זיי האָבן פארגעסן צו קוקן אין הימל אריין... ערשט ווען די אויסגעשטערנטע זומער־נאכט האָט אין האָריזאָנט זיך גע־נומען וויקלען אין בלויע טיולן און ארויסגעוויקלט די ערשטע קאָנטורן פון אויפגייענ־דיקן טאָג, האָבןביידע מיט שרעק א גיכן קוק געטאָן אין שאַרעיעדיקן הימל, דאָס בלייכע, "מילכיקע ראָגעלע" האָט זיי צוריק־געקוקט גלייך אין די אויגן אריין... און ווי עס וואָלט זיי צוגעוואונקען: פארשפּעטיקט, האַ? פארשפּעטיקט?...

* *

*

סעניאָר דאוויד שפּרונגט איצט אויף מיט דער זעלבער שרעק, גלייך די דאָזיקע פארשפּעטיקונג וואָלט פאָרגעקומען ערשט נעכטן: "וואו בין איך? שוין ווידער געחלומט? ער עפנט גיך די פענצטער. דער זעלבער הימל, די זעלבע שטערן, דאָס זעלבע מיל־כיקע ראָגעלע — "דאָרטן" איז אלץ ביים אלטן... אין עס־צימער זעט ער שטייט זיין רייזעלע, שוין אביסל מער פארקיילעכיקט. אויף אירע גרינע אויגן, פארנאכטיקער טוי... זי קוקט איצט פארטראכט צום אָפענעם ים, זעט אוודאי יענץ שאַרכנדיקע טייכל מיט די גרינע שטשינעס און געהוילטע באנקן... אויך דאָ, אין זייער לוקסוס־סאַלאָן, איז איצט פאראן גענוג גרינס — שוין אביסל צופיל... די צוויי אויסגעטראקעוועטע "ביטל־ביימער" שטעכן אים ווי שפּיזן, — "ווי אזוי האָט דאָס אלץ געקענט פאסירן? ביי אים אין שטוב — יאָלקעס אויף שבועות?"... ער נעמט רעדן צו זיך אויפן קול: — "זכרון, סעניאָר דאוויד, דערמאָן זיך נאָר, נאָכן אָפּמוטשען זיך אלס "קלאַפּער", ווען די קינדער זיינען געקומען אויף דער וועלט און ס'רעדעלע האָט גענומען זיך דרייען בארג ארויף, האָט די שיכרות פון געלט באלד אָפּגעטעמפּט דיין שכל... האָסט גענומען נאָכ־מאלפּעווען דיין רייכן שכן... געשיקט דיינע קינדער אין גוישע שולעס, פארגעסן ווער דו ביסט געוועזן... פארטשאדעט געוואָרן פון דיינע פייפנדיקע פאבריק־קוימענס... סע־ניאָר דאוויד וואקסט א גביר. זיך גענומען שעמען מיט יידישע יום־טובים... באהאלטן פאר די קינדער דיין אייגן לשון... ס'פּאַסט נישט פאר די דינסטן אין שטוב, פאר די אָנגעשטעלטע אין פאבריק, צו רעדן אין זייער קעגנווארט — יידיש... וואָס־זשע ווילסטו איצטער פון דיינע קינדער? וואָס זיינען זיי שולדיק, ווען דיין "טשאד" האָט זיך אזוי

שפּעט אויסגעקלאָרט?... האָסט דאָך דיינע קינדער אליין געטריבן צו יענעם יחוס... איצטער שניידסטו דאָס וואָס האָסט פאַרזייעט...

סעניאָר דאַוויד דערמאָנט זיך לסוף אין די ווערטער פון קוהלת און ער זוכט א טרייסט אין זיי: "הכל הבל, אמר קהלת, — הבל הבלים, — הכל הבל"...

סעניאָר דאַוויד דערנענטערט זיך צו רייזעלען. ער טוט איר א ריר ביים אָרעם, גלייך ער וואָלט איר געוואָלט אויפוועקן פון פאַרגליווערונג. רייזעלע קוקט אים אָן שטום, מיט א רעזיגנירט שמייכעלע... ביידע טראַכטן איצט איינס און דאָס זעלבע: נישט בלויז דאָס שפּאַלטן פון הימל האָבן מיר פאַרזען, נאָר מיט אונדזערע קינדער האָבן מיר אויך עפּעס פאַרזען... עפּעס — פאַרשפּעטיקט...

סעניאָר דאַוויד מאַכט זיך קוראַזש: — אַנו רייזעלע, גיב נאָר ווידער א לאַך, א שטיף, א זינג, סיי ווי איז דאָך אַלץ — הכל הבל...

— עס לאַכט זיך אָבער נישט, דודל, שווער צום פאַריכטן דאָס וואָס מען האָט אליין צעבראָכן... מיר דאַרפן תשובה טאָן, דודל, פאַרפאַלן — קיין יידישע זיווגים קענען מיר איצט די קינדער ניט געבן, מיר קענען אָבער האָפן אויף די קומענדיקע איי־ניקלעך... זיי וועלן אפשר צוריק בענקען צו אונדזער שטאַם? יאָ, נאָר זיי קענען פאַריכטן אונדזערע פעלערן... און דערווייל, העלף מיר ארויסשליידערן די צוויי "יאָלקעס" פון סאַלאָן, זיי שטעכן מיך ווי נאָדלען... און ביי דער היינטיקער שבועות-סעודה זאָלסטו דערציילן אונדזערע קינדער וואָס עס איז א ייד, — בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל — און וואָס עס מיינט שבועות ביי יידן און וואָס עס באַדייט — גרינס אויף שבועות...

★

גורל פון אַ פּיאָנערין

געווידמעט דעם "קינדער־היים" אין ריאָ

אין יענעם טאָג איז דער בית-החיים אויפגערודערט געוואָרן פון זיין טיפער שטילקייט. א זוניק-גאָלדענער שימער האָט געבלאנקט אויף די מאַרמאָרנע מצבות, געזייעט ליכטיקייט ביזן מינדסטן גרעזל. ביי א פראַנטאָווער אלייע, שטייט גרייט אַן אָפענער קבר, האלב נאקעטע באגרעבער ווישן דעם ברודיקן שווייס פון זייערע פאַר־ברוינטע לייבער, ווארטן מיט אזא טעמפּער געדולדיקייט אויפן פרישן מת וואָס זיי וועלן דאָ באלד פארשיטן...

אָנגעזעענע כלל־טוער שטעלן אונטער זייערע אקסלען, טראָגן דעם גרינגן קאסטן מיט גרויס חשיבות. סנאָפּעס זון-שטראַלן האָבן פארלייגט זילבער-פּאַלעס אויפן שווארצן צודעק-געזיפּט גינגאָלדענעם שפריי ביז צום טהרה-שטיבל. פאַרשטייער פון אלע ריכ-טונגען שטייען ארום מיט געבויגענע קעפּ, דער טויט פון איין מענטש האָט אלעמען דאָ אהער געבראכט און — אויף א ווײַלע בלויז — אויסגעגליכט...

*

* *

ווען ראַצע האָט זיך באזעצט אין דעם כישוף׳דיקן ריאָ, זענען די גרויע בערג נאָך נישט באריִרט געוואָרן פון מענטשלעכע הענט, געדרעמלט אין טויזנט-יאָריקן שלאָף. אויך דער בראזיליאנער, אין זיין טראָפּישער פוילקייט — האָט מיטגעדרעמלט דער ווילדער ארום, מיטן האלבן דזשונגל האָבן נאָך געאָטעמט קדמוניש — אור וואלדיש און ראַצע האָט אָפט געהערט דאָס ווערטל: "קאלמא נאָ בראזיל" (רואיק אין בראזיל). ראַ־צען האָט זיך געדאכט, אז ניט בלויז די, זיך פוילענדיקע באפעלקערונג, נאָר אויך די גרינע גערטענער, דער אויסגעשפרייטער אטלאנטיק, די גרויע בערג, זייערע נאקעטע באוואוינער, אז אלע־אלע זינגען אויס, לאנגווייליקן אויס דעם שטילן, מאָנאָטאָנעם: "קאלמא נאָ בראזיל"...

האָט אָבער ראַצע א קוק געטאָן אינעם יידישן ישוב, האָט זי געזען, אז דאָרטן איז שוין גאָר נישט אזוי — "קאַלמאַ"... פון איין זייט, ארויפגעארבעטע, אויסגעטראַקעוועטע, אין שטייפע אנצוגן, ווייסע פאַנאַמאַ-היטן און גאָלדענע זייגערס מיט ברייטע "דעווּיסקעס", (קייטן) ס׳רודערט זיך... און פון דער צווייטער זייט — אָפּגעסמאַליעטע, פאַרברוּינטע און פאַרברענטע, איינגעהויקערטע און צעקנייטשטע, מיט שווערע פּעק אין די הענט, רענצלעך אויף די פּלייצעס — "קליענטעלטשיקעס" (קלאַפּערס) — האָרעווען שווער אויפן שטיקל ברויט... און אין א דריטן ווינקל — אויסגעוואָרצלטע: אלמנות, גרישות, עגונות און — איבער אַלעמען — עלנד׳ע פאַרלאָזטע, האלב נאַקעטע יידישע יתומימלעך, וואלגערן זיך, אָפּגעשליסן, אָפּגעריסן, קיינער האָט קיין צייט, קיין געדולד נישט, מען איז פאַרנומען מיט א נייעם "מעשה בראשית"... איז אָט ביים דאָזיקן שטילן יידישן צער האָבן זיך ראַצעס אויגן פאַרהאַלטן... זי האָט א פּאָר געטאָן מיט אירע פינגער איבער די קינדערס פאַרוואָרלאָזטע קעפּ, א זייטיקן בליק געוואָרפן אונטער זייערע קויטיקע העמדלעך, געבומען גלעטן די בלייכע בעקעלעך, געפּעטשלט איבער זייערע ראַכיטישע פּלייצעלעך און באַלד פאַרקאַשערט די אַרבל — אָנגעטראָגן שיסלען וואַסער, זייף, רפואות צו בייסעניש, קראַצעניש, איינגעפרעגטע די באָרוועסע יאַטן צווישן אירע קניען, געריבן מיט האַרטע באַרשטן, געשייערט מיט גומענע שוואָ, מען און כלומרשט געכעכיט פון זייערע געוואַלדן: — "שרייט, חברה, מאַכט געוואַלדן, צו "אים" ארויף, "דאָרטן אויבן", אפשר וועט "ער", ענק דערהערן... און דערווייל — ארויפגעצויגן א קלאָר העמדעלע, א ווייס פאַרטעכל, א פּאָר שיכעלעך, וואָס זי האָט צוזאַמענגענומען ביי די ארויפגעארבעטע און דערביי געמונטערט דאָס קליינוואַרג: — ווייַנט! קוויטשעט! נשקשה, ס׳וועט ענק נישט שאַטן ס׳ביסל געוויין, טרערן וואַשן אויכעט אָפּ — ריטשעט"!...

דער יידישער ישוב איז פאַרנומען מיט אויפבויען ס׳נייע לעבן, פאַבריקן, הייזער, באַנגאַלאָס, אָבער זי ראַצע, זוכט א שטיקל דאַך איבער די קינדערס היימלאָזע קעפּ... אינערגעץ, דאַכט זיך איר, איז נישט פאַראַן אזוי פיל אומגליקלעכע יידישע נפשות׳לעך, ווי דאָ — קרבנות פון די אַלע פאַרקויפטע, פאַרהאַנדלטע, מיידלעך, כלות און סתם יתומים אָן טאַטע-מאַמע — "וואו טוט מען ז ייאָהין?" — און ראַצע האָ טזיך ארויסגעלאָזט ווי א בעטלערין איבער יידישע הייזער, אריינגעשושקעט אין די אויערן פון יוסטע באַלעבאַטים: — "געדענקט, איר זענט געבוירן געוואָרן אינעם זעלבן טראַכט וואָס די אָרעמע יתומימלעך, נישט געקומען אויף דער וועלט אין קיין גאָלדענע העמדעלעך... געדענקט, די וועלט איז זייערע, די קינדערס... דאַרף מען העלפן א שטופּ טאָן דאָס וועגעלע, צולייגן א הענטל, ס׳וועט אייך אַלע גאָר נישט שאַטן און כ׳וועל סיי

ווי קיינעם קיין רוּ נישט געבן... מען מוז פאַרזאָרגן יידישע קינדערלעך, אַנדערש וועלן זיי גיין לתרבות-רעה, זיך אויסשמדן, אָפּגעריסן ווערן פון אונדזער שטאַם — טוט נאָר א גוטן טראַכט״...

נאָך איר טרעוואָגע צווישן גבירים, האָט זיך ראַצע געווענדעט צו זייערע ווייבער: — ״ווי אַזוי קענט איר האַדעווען אייערע קינדערלעך אין עשירות, ווען צענדליקער יתומימלעך וואַלגערן זיך אין דחקות? איר מוזט מיר העלפן אַרויסציען די בלימעלעך פון דער קראָפּיווע, ווייל איין פויגל קען קיין זומער נישט מאַכן״...

צווישן די ערשטע וועלכע האָבן דערהערט ראַצעס רוף איז געווען רחל, איר דע־ליקאַט, איידל געשטאַלט האָט זיך דערפילט ענג אינעם דעראָבערטן רייכטום, ראַצעס שטילע קול האָט איר פאַרפלאָגט: ״טאַקע באמת, מעג מען אַליין געניסן, הנאה האָבן, בעת עלנדע קינדערלעך וואַלגערן זיך אויף הפקר?״ — און א זאָג געטאָן: — ״כ׳בין גרייט״.

די שיינע צירל איז נאָך דעמאָלט ניט געווען אין די ״פעדערן״, ס׳רעדעלע האָט זיך שוין געדרייט אין א גיכן טעמפּאָ אַרויף, אָבער ראַצע האָט איר א טאָרע געטאָן, געוועקט פון זיסן שלומער, דערמאָנט דעם אמאָליקן היימישן דלות: — ״האָסט אויך געקענט זיין צווישן זיי... דאַריבער גיב א פּלייצע״.

די מאַיעסטעטישע אסתר איז שוין געווען צווישן יענע וועלכע גייען באַרג אַרויף אָבער דאָס ביסל יידישע קולטור פון איר מאַמעס היים איז איר בייגעשטאַנען אָפּצו־געבן אביסל צייט לטובת די אָרעמע קינדערלעך...

די אינטעליגענטע בתיה, אָן פּרעטענזיעס אויף לוקסוס, האָט פונקט ווי ראַצע געמוזט עפּעס טאָן כדי צו באַרעכטיקן איר עקזיסטענץ...

שרה, ציליע, גיטל, מאַרטאַ און נאָך און נאָך, איז ראַצען נישט שווער אָנגעקו־מען צו געוואונען פאַר איר זאַך — ווייל מען האָט אַליין נאָך שווער געקעמפט צו קענען מאַכן א לעבן...

אַזוי אַרום איז געוואָרן א פרויען־פאַרוואַלטונג. אָבער וואָס קען אויפטאָן א בלויזע פאַרוואַלטונג אפילו אונטערן שענסטן הימל? — און ראַצע האָט געטענה׳ט צו אירע העלפערינס: ״מען מוז זיך אַרויסלאָזן איבער יידישע הייזער, קלאַפּן אין זייערע לאַדנס, נישט געבן קיין רו... און אַליין געוואָרן די ערשטע צום בעטלען: ״א הויז פאַר אָרעמע קינדער, א דאַך איבערן קאָפּ פאַר עלענדע יתומימלעך״...

יונגער ישוב האָט ווינציק געדולד געהאט אויסצוהערן ראַצעס טענות. א סך האָבן געשמייכלט, טייל זיך געוויצלט: "וואָס איז, ראַצע, אין בראַזיל ווילט איר ווערן א גבאיטע? אפשר גאָר א "מילאָשערנע פאַננע"? גייט איר גאָר הייזער, און מאָרגן ווערט זי וועלן פאַלאַצן... נישט אנדערש נאָר — משוגע"...

ראַצעס שמאָלע ליפּן, מיט עקשונות אין יעדן קנייטש, האָבן זיך איינגעקלעמט צווישן די ציין און — "געדולט ברידערלעך"... איר קיילעכדיק פּנים, וואָס האָט גע־צוגט, וויברירט, זיך געפּעלדלט, איז געבליבן מיט שטילן סוד, ווי א געשלאָסענער אוצר אין א שאַץ-קאַמער... אירע טיפע, שוואַרצע, קלוגע יידישע אויגן, האָבן אונ-טערגעשטראָכן א שטאַרקן גייסט. אין איר הויכן שטערן, פאַרבאָרגענער געדאַנק. איז איר אייביקן שמייכעלע, די גוטסקייט פון א שרה בת טובים: — "איר זאָגט משוגע? — זאָל זיין — וועל איך מסתמא געפינען נאָך אזעלכע משוגעים... און אפשר וועל איך נאָך אייך אליין אויך אביסעלע משוגע מאַכן? — אַלץ איז מעגלעך" — און צו אירע העלפערינס: — "נישט פאַרצווייפלען, געדולד, וואָרעם ווען א טראָפּן קלאַפּט פאַר-עקשנט אויפן האַרטסטן שטיין, מוז ער סוף כל סוף אַמאָל ווייכער ווערן... היינט שטעלט אייך פאָר מענטשלעכע הערצער — בפרט יידישע — נישט געדאגה׳ט"...

* *

*

און ס׳איז געווען אין א טאָג ווען ס׳האָט זיך געיאָוועט א "משוגענער" מיט א געשאַנק: אן אלטע שטוב פאַר א קינדער־היים... און כאָטש די טירן האָבן זיך געהוי-דעט, ווי געהאָנגענע אויף שטריק, די טישן זענען געשטאַנען, ווי אויף קוליעס, די בענקלעך האָבן געלאָמט, די קוך — געקרעכצט, דאָך איז עס פאַר ראַצען געווען — א פּאַלאַץ... בפרט ווען א כאָפּטע היימלאָזע קינדערלעך האָבן גענומען אריינטאַנצן אין דעם אָפּגעחומר׳טן הויז און צעלויכטענע זון האָט גענומען שיטן טונען גאָלד אויף זייערע יונגע קעפּ, זילבערנע טעפּיכער אונטער זייערע פיס און פריידיק געזאַנג דורך אלע טירן-פענצטער, האָט דאָס אויפגעריכטע הויז סיי ווי געכאַפּט דעם אָנבליק פון א צעבליטן קינדער־גן עדן...

און אז יידן האָבן דערזען, ווי ס׳האָט זיך טאַקע געפונען "א משוגענער", איז ראַצעס נביאה באַלד מקוים געוואָרן, זענען זיי אלע אויך אביסעלע "משוגע געוואָרן"... אָנגעהויבן צוצושיקן בעטעלעך, קישעלעך, האַנדטוכער, קאָלדערקעס, איז גלייך גע־

וואָרן א קליינע קינדער-מלוכה און עלנדע קינדערלעך האָבן גענומען שטראָמען צום קינדער-היים אין אזא אײַלעניש, גלייך זיי וואָלטן פריער געווען פארשפארט אין א תפיסה... ביז — דאָס באַגרענעצטע הויז איז מיט יעדן טאָג געוואָרן קלענער, ענגער, צו ווינציק פאר אזא גרויסער נויט... און, ראַצעס הויכער שטערן האָט אויפסניי זיך גענומען רונצלען, דאָס פיצל דערגרייכטע גליק האָט בלויז צעעפנט פרישע וואונדן.. דאָס הויז שרימפּט איין, די צאָל יתומימלעך — שטייגט און דאָס זענען שוין מער נישט קיין פרעמדע קינדערלעך, זיי זענען אלע — ראַצעס: — וואו טוט מען זיי אהין?

ראַצע האָט שוין פון לאנג אָפּגעלייגט איר אייגן לעבן אין א זייט, וואָס פאר א באדייט האָט איין לעבן קעגן אזוי פיל היימלאָזע קינדערשע לעבנס? זי אליין האָט צייט — שפּעטער, שפּעטער, דאָס לעבן וועט איר אָפּגעבן וואָס איר קומט — באַזונדערס, וואָס פאר א זין האָט איר יחידיש לעבן אנטקעגן איר גרויסע שטרעבונג, איר טיפער חלום, איר לעבנס-סוד: אויפצובויען אן אייגענעם קינדער-היים, וואו עלנדע קינדער־לעך זאָלן נישט פילן זייער יתומה'שאפט, נאָר טאַקע זיין — אינדערהיים?"...

און ראַצע, פון יענע יחידים עקשנים, וואָס גיבן זיך לײַכט נישט אונטער, האָט ווידער גענומען טשאַפּען פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר. אויף איר רונדן פּנים האָט געליכטיקט הייליקע שליחות, צווישן אירע דינע ליפּן, דאָס גוטע שמייכעלע, אירע איידעלע רייד — אויסגעגליטע חכמה:

— "יאָ, כ'בין שוין ווידער דאָ, גיט מיר אָפּ א — סקאָצל קומט, וועדליק איך זע זענט איר אלע ברוך השם אין די פעדערן, אָבער אויך די יתומימלעך וואקסן ווי אויף הייוון, ס'איז זיי ענג געוואָרן, ברידערלעך, מען דארף אויסברייטערן די ווענט, הייבן דעם סופיט — איר פארשטייט צו ניין? און — לאָמיר זיך טאַקע נישט נאַרן, טײַערע ברידערלעך, וואָס מ'שטיינס געזאָגט נעמען מיר מיט פון דער דאָזיקער נארישער וועלט? אלצד'ינג בלײַבט דאָך שטיין און ליגן... איין זאך אָבער לעבט אייביק און דאָס זענען אונדזערע מעשים — איר פארשטייט צו ניין? מעשים טובים"...

און אז עולם האָט געפּרואווט ראַצען אביסל קיבוצן; וואָס זי מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישן פארטייען: — "לאַשטשעט זיך ווי א קעצל צו אלעמען גלייך" — האָט זיי ראַצע גוטמוטיק געפּעטשלט איבער די הענט: — איי געזונט און שטארק זאָלט איר מיר זיין, הערט מיר אויף צו דילן א קאָפּ מיט — קאָלירטע יידן"... אינץ באַ-

דארף מע צו האָבן מענטשן, יידישע מענטשן, זאָלן אינץ העלפן דערציען יידישע יתו־מים, די רעשט איז נישט מיין דאגה"...

און ס'איז טאקע געווען ווי אין מעשה בראשית: געזאָגט און געוואָרן...

זיצט שוין ראצע און קוקט מיט איר מאמע'שער פרייד צו דעם ווירלען און מעסטן פונעם נייעם פלאץ, וואָס קהל האָט געשאָנקען, זי אליין, ווי דער גרעסטער אינ־זשיניער, טיילט אויס די שטחים: — "אָט דאָ, אין פראָנט, וועט שטיין דער צענטראַ־לער בנין, אויבן, די שלאָף-צימערן, אונטן — די עס־צימערן — אינמיטן, דער גרוי־סער גאָרטן און אינעווייניק אינעם גאָרטן? — אָ, זי זעט שוין דאָס גרויסע גליק פון אירע עלנדע יתומימלעך, זייער טאנצן און זינגען... נאָך דעם, וועלן זיי אויסוואקסן מענטשן און וועלן וויסן, אז זי, ראצע מיט אירע געטרייע העלפערינס האָבן עפּעס א האנט אין דעם... יאָ, אָבער, דער אומרו לעצטנס? זי פילט זיך אביסל מיד, ראצע... ס'טרעפט, זי קען ניט גרינטלעך דערזען די לויכטענדיקע פרייד, וואָס שעמערירט אזוי זוניק אויף אירע זינגענדיקע און טאנצענדיקע קינדערלעך... ראצע, וועלכע קען קיין איין טאָג ניט פארפעלן איינצוזאפּן אין זיך די גרויסע פרייד פון אירע, שוין האלב אויפגעבכאָוועטע יתומימלעך, דערפילט איצט א צעמישונג אין קאָפּ און פון איר גאנ־צער גדולה ווערט איין שווארצע מאסע, גלייך מען וואָלט איר אינמיטן העלן טאָג די זון פארלאָשן... ראצען האָט זיך גענומען דאכטן, אז וואָס העכער עס שטייגט דער נייער פּאוויליאָן, אלץ נידעריקער זינקט איר גוף צו דער ערד... — ווער ווייסט, צו דער נייער אָנהויב וועט נישט גיין האנט ביי האנט מיט — סוף?... און — זי האָט דאָך נאָך אזוי ווינציק געלעבט, אלץ אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, אויף שפּעטער, איז מעג־לעך אז גאָט וועט איר אָפּטאָן אזא שפּיצל?"...

* *

*

אינגיכן איז ראצעס איינגעשרימפּענער גוף געלעגן, ווי אַן אָפּגעשטאנענער מא־שין מיט אויסגענוצטע רעדער... אירע געטרייע, בלייכע הענט; צוויי אונטערגעהאקטע פליגל. איר אומבאוועגלעכער קאָפּ, אַן אויסגעברענטער לאָמפּ, וואָס צאנקט מיט לעצטן שטיקל קנויט... דאָס קוים שמינקלענדיקע פּייערל אין אירע האלב פארגלייזטע אויגן — א שוואך בלישטשל, ווי א צעשמאָלצן־אויסגייענדיק ליכטל. בלויז אין אירע פאר־ביסענע מויל-ווינקלען האָט געציטערט — עקשנות... דורך געדיכטע נעפּלען האָבן זיך

פאר איר געשאַטנט געשטאַלטן: אָט איז רחל, צירל, אסתר, בתיה, שרה-גיטל, מארטא — אלע, אלע, קוקן איר אין פּנים, פאַרזיכערן דעם קיום פון איר אָנגעהויבענעם ווערק... פּלוצים צעעפנט זיך גאָר א זילבערנער טומאַן, ראָצע זעט נאָך מיט לעצטן בליק — א קראַנץ ארום איר בעט, א געפלעכט פון קינדערשע הענטעלעך, פיסעלעך, קעפּעלעך, איינס אין אנדערן, איינס אויפן אנדערן — אָט נעמט דער קראַנץ וואַקסן — פון די קינדער ווערן מענטשן, פון מענטשן — ווידער קינדער... אַן אומענדלעכע קייט, וויקלט זיך, און וויקלט, אָן אַן אָנהויב, אָן א סוף... און אינעם דאָזיקן געוויקל, אַן אויפגע־בויטער קינדער-פּאַלאַץ, קינדערלעך קליינינקע, גרעסערע, גאָר גרויסע, שמייכלען צו איר: "מאמע" — מורמלען זייערע ליפּן: "טייערע, הארצעדיקע מאמע"...

און אָט — א שוואַרץ-אויגיק-יינגעלע אויף א בענקל, זיין ראָז-פּנימל פּלאַמט, די הערעלעך גלאַנצן און ס'בליאַסקען די ווייסע ציין פון זיין מויל... אהא, ער זאָגט א דרשה, ר'איז בר־מדוה געוואָרן און זי, ראָצע געדענקט אים נ אָדפּאַר א שנעק'עלע, אויף אירע הענט, אָן טאַטע־מאמע... דער קינדער-אנשטאַלט איז געוואָרן זיין אמת'ע היים... און איצט? — מיט די רציאות אויף די הענט, מיטן של-ראש אויף זיין יידיש־קעפּעלע... אזא פריידּ, ס'איז דאָך איר יום טוב..."

באלד הערט זי גאָר מוזיק, ראָצע; איז עס נישט אמאָל קיין חתונה-מוזיק? יאָ, טאַקע, ס'א חתונה... און די חתן-כלה? זי קען דאָך זיי אזוי גוט, ביידע אויסגעהאָדע־וועט אינעם קינדער-היים, נו, וואָס־זשע ליגט זי גאָר אין בעט? — דאַרף זי דאָך טאַנצן דאָס מצוה-טענצל? ס'איז דאָך איר שמחה? די חתונה פון אירע קינדער? ווילן אָבער די פיס נישט פּאָלגן, און איר גוף איז איר ווי געהאַמעוועט און אזוי לייִמיק־שווער און א טונקלקייט לייגט זיך אויף אירע אויגן און ארום האלדז וויקלט איר עפּעס און ס'שטיקט, גלייך א שטריק וואָלט אים פאַרצויגן...

אין אירע שווערע, פאַרטונקלטע קאָשמאַרן, האָט נאָך ראָצע פאַרפיקסירט אירע לעצטע געדאַנקען: "מילא נו, פאַרפאַלן, מיטן גורל קען מען זיך נישט שלאָגן, אָבער, זי ווייסט, ראָצע, אז "אהין" וועט זי שוין מיט ליידיקע הענט נישט קומען... דער קאַמף האָט זיך געלוינט, איר חלק עולם הבא איז געזיכערט"...

* *

*

ביי ראָצעס פרישן קבר האָט א דורכזיכטיקע בלויקייט זיך געצומען וויקלען אין גרויע, טונקעלע כמארעס, דער נאָר־וואָס בלאַנקנדיקער הימל — גלייך מען וואָלט

אים פלוצים מיט שווארצע טוכער פארהאָנגען... א קיל ווינטל האָט סודות־דיק צו־שאָרכט די פארדמיונטע בוימער. א גרילצנדיקע בראזגעריי פון אדורכפאָרנדיקער באַן האָט פארשלונגען דאָס יאָמערלעכע שלוכצן פון צוויי ברידערלעך, קיילעכדיקע יתו־מימלעך, וועלכע האָבן פון זייערע טיפענישן ארויסגעקלאָגט דעם "יתגדל ויתקדש"... א טעמפער אָפּהילך פון לאָפּעטעס פרישע ערד האָט מיטגענומען אין ראצעס קבר אריין די יתומימלעכס הארציקן קדיש... און מיטן דאָזיקן ערלעכסטן קדיש, וועט זיך ראצע שטעלן א שטאָלצע און א גערעכטע פארן בית דין של מעלה...

דיאָ, נאָוועמבער 1960

★

טראָפּיש בלוט

דוד א פענצטער

אין ליכטיקע טעג, איז דעם שכנס פענצטער געווען אפן בלויז אויף א שפּעל־טעלע, דורך וועלכן דער העלער דרויסן האָט, צווישן די צערוקטע פאָרהאַנגען, אויס־געקוקט, ווי א ווייסע לאַטע אין א טונקל בגד.

ברייט צעעפנט איז דאָס פענצטער נאָר געווען אין די הייסע זומער־טעג. דע־מאָלט האָט מען געקאָנט אדורכקוקן די גאנצע שטוב מיט אירע ברייטע פענצטער צום ים, עס האָט זיך אנטפלעקט דער ברויזנדיקער אטלאנטיק מיט די פארשידנקאָליריקע שיפן, מיט זייער וויגן און הוידען זיך אויף די בלויע ים־כוואַליעס.

אין די טונקעלע חדרים האָט מען ס׳רוב באַמערקט א שווארצע דינסט אין א ווייסן פארטעך. איר ברייט פּנים האָט געגלאַנצט ווי געפוצטע שיך. אירע געמאָרשט־שעטע הענט האָבן סרוב געפוצט דאָס אָפענע פענצטער. זעלטן ווען האָבן אירע בליקן זיך פאַרהאַלטן אויפן זוניקן דרויסן, גלייך ווי אויף יענער זייט פענצטער איז שוין נישט איר וועלט...

טיילמאָל פלעגט אויך א צעהויקערט געשטאַלט געלאָסן זיך אדורכקאַטשען, ווי אן אַלט פּעסל פון א קעלער ארויס. זיינע אויגן האָבן נישט פארטראָגן די שטראַלנדיקע ליכטיקייט, וואָס האָט ארייַנגעפּליִיצט, ווי א שפּריצנדיקער זילבער־פאָנטאַן, זיין לענג־לעכער קאָפּ האָט זיך געטרייסלט אין דער ברייט, גלייך ווי ער וואָלט געהאַלטן אין איין זאָגן: ניין, ניין, ניין...

און נאָך איין געשטאַלט האָט ס׳רוב פאַרבייגעטענצלט, ווי א שטיק קוועקזילבער: אויפגעטויכט, פארשוואונדן און איבערגעלאָזט א שימער פון צעשויבערטע האָר, האַלב צעעפנטער פּעניואַר, הויכע פּיס, ווייסע לעטשעלעך — א פליענדיק מלאכל, וואָס טאָ־מער איז עס דערפלויגן צום אָפענעם פענצטער, איז באַלד אויסגעוואַקסן דאָס צע־הויקערטע געשטאַלט, א גיכן שלעפּ געטאָן די ברייטע פענצטער־לאָדן, ס׳האָט א קלאַפּ געטאָן א שווערער פּרענט און — אויס פענצטער...

בלויז איין מאָל, דער צעבראָכענער ים האָט דאַן געוואָיעט מיט חיהקש געברום. אינעם פאַרכמאַרעטן הימל — שוואַרצע רייטער אויף ווילדע פערד, אונטערן פענצטער, א געיאָמער פון צערוישטעביימער. אין די טיפע אָפּפאַל־קאַנאַלן, דאָס קלימפּערן פון ברייטע ריטשקעס רעגן־וואַסער. אלע שכנישע פענצטער — געשלאָסן. אלע ליכטער — געלאָשן. בלויז דאָס קעגנאיבערדיקע פענצטער — צעפּראַלט. א קליין ליכטל האָט פאַרפּירעריש ארויסגעשמינקלט. אינמיטן ים האָט געבליצט דאָס גרינע ליכט פונעם אייביקן שיין־וואַרפער...

אינעם צעפּראַלטן פענצטער האָט זיך געוואַקלט, צווישן די צערוקטע פאָרהאַנגען, דאָס צעהויקערטע געשטאַלט, גלייך ווי א בראָנזענע פיגור וואָלט זיך געוויגט אויף א קאָלומנע... אָט גענומען וואַרפן מיט די הענט, אויסגעגלאָצט די אויגן, געזוכט לופט און — אומגעפאַלן...

* *
*

צומאָרגנס זענען ביים שכנס פענצטער געהאָנגען שוואַרצע פאָרהאַנגען. דעם קאַסטן וואָס מען האָט אַרויסגעטראָגן איז געווען א שוואַרצער, אויך די יונגע אָפּגע־היטענע טאָכטער מיט דער אַלטער דינסט, זענען געווען אין שוואַרצן געהילט...

נאָך דער דאָזיקער נאַכט, איז דאָס פענצטער לאַנג געשטאַנען פאַרמאַכט, גלייך דער שטורעם וואָלט אין יענער נאַכט אויסגעזויגן ס׳לעצטע טראָפּן חיות...

ביז — — — א העלער פרימאָרגן. די זון איז געלעגן אויפן פאַרמאַכטן פענצטער, ווי א טעפּיך פון פּלאַטין. א שלאַנקער פּאַלמען־בוים האָט דעם טעפּיך אדורכגעהאָפטן מיט פאַנטאַסטישע אַראַבעסקע פיגורן. די ווייסע וואַנט ארום לאַנגן פענצטער האָט געזילבערט מיט שטיקער בראָקאַט. דאָס שמאָלע געסעלע אונטערן פענצטער, איז גע־לעגן אין אויפגעפרישטס, אויסגעקוקט ווי ערב א גרויסן יום־טוב...

פּלוצים האָט זיך דערהערט דאָס שווערע אויפמאַכן פונעם אייזערנעם פּרענט. דער פּלאַטינענער טעפּיך האָט זיך געשפּאָלטן, צערוקט זיינע ליכט־פּאַלעס, א שמאָל פּאַסיקל טונקלקייט האָט זיך געלאָזן גענומען פאַרגרעסערן, פאַרברייטערן, אויסגע־קוקט גלייך ווי א גרויער וואָלקן־פאָרהאַנג שווימט אינעם פריש־געעפנטן פענצטער אריין. דער דאָזיקער וואָלקן איז געוואָרן שיטערער, דורכזיכטיקער, ביז די פריש־

געפּוצטע שויבן האָבן אַ בליאסק געטאָן, זיך באַגריסט מיטן זוניקן דרויסן. אויפגע-דעקט די ניי־געמאָלענע ווענט, דעם גלאַנציקן סופיט, וואָס האָט זיך אַרויסגעהנדלט צו די קילע ביימער, און לסוף אויך אַ טונקעלע געשטאַלט, גלייך זי וואָלט פונעם וואָלקן אַרויסגעשוואומען. צווישן אירע גראָבע ליפּן אַ שורה ווייסע קלאַווישן. אירע הונגע-ריקע בליקן האָבן געשלונגען — זון, לופט, לעבן... אירע דיקע הענט האָבן געפּוצט דאָס צעפּראַלטע פענצטער...

אין אָוונט האָט אַ קרישטאָלענע קאַנדעליאַברע אויפגעלויכטן מיט גינגאָלדענע פייערלעך, געגעבן דעם אויפגעלעבטן פענצטער אַן ערב-התונה-אויסזען...

אין סאַמעטענע פאַנטאָפּעלעך, ווייסן פּעניואַר, צעוואָרפענע האָר, האָט פון די טונקלקייטן אַרויסגעשוועבט די באַקאַנטע, שלאַנקע יונגפרוי־פיגור... אירע צעפּאַטלטע לאָקן האָבן ווי געגלעקלט ביי איר יעדן באַוועג. אין אירע גרויסע אויגן — הימל, ים. און עפּעס וואָס דערמאָנט אין ערב טאָג... אָט זיצט זי אויף אַ שטול, אָט אויפן דיוואַן, און אָט מיט האַלבגעגנגל-האַלבפלי, איז זי ביים אָפענעם פענצטער. וואו דאָס ברוינע פון אירע אויגן און דאָס שווארץ פון אירע האָר און דער בלייכער ראָז פון לענגלעכן פּנים, האָבן אַ שפּיל געטון מיט טויזנט און איין חנ׳ען.

פונוייטנס האָבן צוויי אויטאָמאָביל-רעפלעקטאָרן אַ בלענד געטאָן אויפן צעעפנטן פענצטער, ווי צענדליקער ליכטער אויף אַ פּלוצים באַלויכטענער בינע. די שלאַנקע פיגור האָט איצט אויסגעקוקט ווי אַן איינגערעמטע אויפן לייוונט פון אַ באַלויכטן מייס־טעריש אייל-בילד.

פונעם אויטאָ איז גיך אויסגעשטיגן אַ הויכער בלאָנדין, מיט בלויע אויגן, אַרומ־געכאַפּט די פענצטער-געשטאַלט ווי אַ פלאַם... זי האָט געשטרעקט אירע בלייכע הענט ווי אין אַ געבעט, ווי זיי וואָלטן נאָך הילף גערופן...

אין דער פענצטער-ראַם — צוויי סילועטן, איינגעדרייטע, פאַרפלאָכטענע, הענט, העלדזער, געוויקלט, געקנוילט. און אַזוי וויקלענדיק און קנוילענדיק — זיך אַרויס-געוויקלט פון דער ראַם... דאָס פענצטער איז געבליבן צעפּראַלט...

* *

*

אין א צייט ארום.

דער ים האָט זיך געקנוילט אונטערן שוימיקן איבערבעט, פּארבענקט נאָך א פּיצעלע זון וואָס זאָל קומען און דערוואַרעמען זיינע טיפע, אויסגעקילטע איינגעווייידן. ווי א גרויסע זיפּ האָט דער פאַרכמאַרעטער הימל געזיפּט דינעם שפּריי איבער בערג און טאָלן.

אויך פון פענצטער, פון זיינע אינעווייניקסטע טונקלקייטן ווייעט א שטילער אומעט...

אונטן, ביים טויער, ווארט דאָס הויכע מיסטקעסטל אויפן לאנגן וואָגן, וואָס וועט דעם אָפּפאַל פון א צוועלף־שטאָקיקער באפעלקערונג איינזאמלען אין זיין קיילעכדיקן פּאַס, כדי דערמיט צו פאַרזייען און פעט מאכן די מאָגערע פעלדער... דער דינער רעגן נעצט דערווייל דאָס אָנגעהויפטע מיסט, וואָס יעדט און פּאַרעט מיט שווערע ריחות. ארום ד׳עם קעסטל וואלגערן זיך אייער־שאָלעכץ, צעריסענע צייטונגען, אן אילוסטריר־טער זשורנאַל מיט א בילד פון א גרויסער שיינהייט נאַרעט זיך אין ברוריקן ראָוו, איר טיפער דעקאָלט איז איינגעשניטן, ווי ס׳וואָלט אים ווער געפּאַלמעסט...

ווען דער פורמאן האָט א וואָרף געטאָן דאָס מיסט אויפן וואָגן, האָט ער א מגושמ־דיקן קוויטש געטאָן, א שאַרפן קראַץ געגעבן זיין קויטיקע לייב, און פרום זיך גענומען צלמען...

פון צווישן אָנגעהויפטן מיסט האָט ארויסגעשטאַרט א לענגלעך קעפּעלע פון אן ערשט געבוירן קינד. עס איז געווען איינגעפּרעסט אין א פּאָזע, גלייך ווי ס׳וואָלט גע־שטאַנען אויף די פיסלעך. לעבן קינדס קעפּעלע, האָט זיך געוואַלגערט דער קאָפּ פון א פיש מיט אָפענע אויגן, דערנאָך — א קאָפּ פון א האָן, א קאָפּ פון אן אינדיק, א קעפּל פון א קאַטשקע און עטלעכע הינערשע קעפּעלעך. ס׳האָט אויסגעקוקט ווי א פאַרזאַמ־לונג פון קעפּ...

נאָכן צעשאַרן דאָס מיסט, האָט זיך דעם קינדס קעפּעלע געטאָן א לייג אויס מיטן פּנימל צום הימל, גלייך עס וואָלט עמעצן ארויסגעפּאָדערט צו א דין־תורה... ס׳דריבנע רעגנדל האָט באַלד גענומען וואַשן דאָס פרישע בלוט פון די צעקנאָדערטע הערעלעך...
פון שכנס אָפענעם פענצטער האָט זיך באוויזן א דעליקאַטע האַנט מיט לאַנגע

פינגער, באַזוימט מיט ווייסע שפּיצעלעך, אַ שטילן צי געטאָן די פענצטער-לאָדנס נאָך וועלכע עס האָט זיך באַלד דערהערט דער באַקאַנטער קלאַנג פון אַראָפּגעלאָזטן פרענט...

באַלד האָבן אייליקע רעגן-טראָפּנס גענומען אומעטיק קלאַפּן אויפן פריש-פאַר־מאַכטן פענצטער...

★

ניטל־ביימער

אױף אײנעם פֿון די העכסטע בערג אין ריאָ, צװישן „אַלטאָ דע באָאַ װיסטאַ“ און „פּיקאָ דאַ טיזשוקאַ“, האָט זינט יאָרן זיך אַראָפּגעהנדלט אַ הױך צעװאַקסן נאָדל־בײמל, געגרייצט אַלע שװאַרצע באַרג־קריכער מיט זײַן אומדערגרייכבאַרער הױכקײט... װאָרעם ביז די בערג פֿון „טיזשוקאַ“ האָבן שױן טױזנטער נעגער־הענט באַקעמפֿט די װילדע בערגיקײטן. אַדורכגעהאַקט סטעזשקעלעך, טרעפּעלעך, לײטערלעך, מען ד'ער־שלאָגט זיך אַרױף. אָבער דאָרטן, װאו עס קאָקעטירט דאָס שענסטע נאָדל־בײמל, איז נאָך טיפֿע װילדעניש לױערט — סכנה... דעריבער איז דאָס דאָזיקע רײצנדיקע בײמל געװאָרן דער שענסטער חלום פֿון אַלע שװאַרצע סוחרימלעך, הענדלער פֿון פֿאַרשידענע פּלאַנצן, װאַזאָנענעס און דער עיקר — ניטל בײמער אױף די װײַנאַכטן...

נאַקעטע, באָרװעסע, מיט הונגער אין די לײַבער, טרױער אין די אױגן, בלאָנקען זײ צװישן בערג און טאָלן, מיט זעגן, גראַבלײַעס, מעסערס און העק, זוכן אַרױסצוהאַקן װאָס גרעסערע, שענערע, ברײט צעװאַקסענע ניטל־פּלאַנצן, פֿאַרבן זײ אױף זילבער און גאָלד, פֿאַרקױפֿן צו געניטע הורטאָװניקעס װעלכע מאַכן דערפֿון פֿאַרמעגנס... און — געבן אױך די באָרװיסע נעגער־יאַטן אַ טראָפּעלע חיונה...

נישט אײנמאָל האָבן שױן געניטע באַרג־קריכער געפּרואװט זיך ד'ערנענטערן צו יענעם העכסטן בײמל, װאָס האָט גערײצט זײערע גוטע אַפּעטיטן... צוגעזאָגט אַ לײטיש פֿאַרדינסטל. אָבער קײנמאָל איז נאָך קײנער אַהין נישט דערגאַנגען... ביז — אױפֿן דאָזיקן יצר־הרע־בײמל האָט געװאָרפֿן אַן אײגל דאָס בת־יחידקעלע פֿון דער באַקאַנטער מיליאָנערשטע דאָנאַ קאַרמעליטאַ... אױף אַן אױספֿלוג צו די העכסטע בערג, האָט זיך די גוט־דערצױגענע סעניאָריטאַ מאַגדאַ פּשוט פֿאַרליבט אין דעם שלאַנקל ניטל־בײמל, װאָס האָט אַראָפּגעשײַנט מיט זײַן גראַציעזן װאוקס און העכסטער — אומבאַרירלעכקײט...

ערב די לעצטע חגאות האָט זיך סעניאָריטאַ מאַגדאַ ממש פֿאַרעקשנט: איר טאַטע,

דער פּלאַנטאַציע־מאַגנאַט, האָט שוין אהיימגעבראַכט פאַר זיין טעכטערל די טייערסטע צירונג, באַקאַלן און לעמפּעלעך, פּעלט בלויז דער ריכטיקער ניטל־בוים וואָס זאָל ווערט זיין צו טראָגן אויף זיינע צווייגן די אַלע פּרעכטיקע מתנות... און — "וויפל איז דער שיעור אַז אַביימל זאָל זיך גוידערן אויפן שפּיץ־באַרג? עס גרייכט שוין באַלד אין הימל אַריין, מען דאַרף עס — אונטערהאַקן" — האָט מאַגדאַ זיך קינדיש געפּיעשטשעט...

יעדן טאָג האָט די וואויל־געבוירענע מאַגדאַ אויסגעפּרואווט אַן אַנדער נעגערל, צוגעזאָגט אַ פיגור פון יעזוסן, ס׳בילד פון דער הייליקער מאַריאַ און — דער עיקר — רייז מיט שוואַרצע פאַסאָליעס — אַ גאַנץ זעקל...

און נעגערלעך זענען געגאַנגען, געפּרואווט, אָבער זיך אומגעקערט מיט טרויער אין זייערע פאַרחלומטע אויגן, הונגער אין די פאַרטרוקנטע גומענס און — דאָס ביימעלע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ יחוסדיקס, אַראָפּגעחוזקט פון זיין פּיעדעסטאַל, ווי געדרייצט זיך מיט דער צעבאַלעוועטער בת־יחידקע: — אָט שטייט אַ ביימל העכער פון דיר, שטאָלצער פון דיינע קאַפּריזן, אַפילו טייערער פון דיין עשירות — אומדערגרייכבאַר...

ווי קליין די סעניאָריטאַ מאַגדאַ איז נאָך געווען, האָט זי שוין אָבער געוואוסט, אַז פאַר געלט קאָן מען אַלץ דערגרייכן... ביז...

דער גורל איז געפאַלן אויף דעם נעגער־ייִנגל אַנטאָניאָ, וואָס אַ גאַנץ יאָר איז ער אַ טרעגערל אויף די געמאַרקן. זיין קיילעכדיקער קויש ווערט אָנגעפּילט מיט הייפּטן קרויט, מייערן, ציבעלעס, ער טראָגט דאָס אויפן שפּיציקן קעפּל, ווי אַ שטרויענעם זון־הוט, זיין דריבנע פּנימל זעט יזך נישט אַרויס, ס׳אַ גייענדיקער קויש אויף באָרוועסע פיס, וואָס טראָגן אויך לאַטעס אויפן הינטן, לעכער אויפן פראָנט, גלייך אַ זיפּל וואָלט פאַרדעקט זיין — בושה...

אַנטאָניאָ האָט פון זיין פינסטער קינדהייט אָן אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן צו שפּרינגען ווי אַ וויעוויאָרקע, געקלעטערט אויף די העכסטע הויכענישן, תמיד אַראָפּגעבראַכט די שענסטע ניטל־ביימער, אָנגעפילט מיט האָרמעס־פלאַנצן די ספּעציעלע האַנדלס־גערטנער און שטענדיק פאַרדינט מער פון אַנדערע, עלטערע און שטאַרקערע פאַר אים...

אָט אין דעם אָרעמען אַנטאָניאָס פאַנטאַזיע האָט די רייכע מאַגדאַ געצונדן אַ

זיסן חלום. אויסגעמאָלן פאַר דעם הונגעריקן נעגער-יינגל א ספּעציעלן ווייַנאַכט־קויש, מיט די בעסטע ווייַנען, קאָנסערוון, "גאַיאַבאַדאַס", "טאָסיניאָס" (בראַזיליאַנער מאכלים) און — געלט, געלט, געלט...

אַנטאָניאָ האָט קיין סך נישט געקלערט, ער האָט שוין גרעסערע ביימער אַראָפּ-געבראַכט פון די הויכענישן, נישט איינמאָל שוין געזען דעם טויט פאַר די אויגן און — וואָס קאָן ער דען דאָ אָנווערן?... וואָס שטעלט ער דען איין?... אז ער וועט נישט קאָנען דערלאַנגען, וועט ער זיך בשלום־צוריק אומקערן...

דער שטאַרקער באַגער, כאָטש איין מאָל אין לעבן צו קאָנען פאַרשאַפן זיינע ברי־דערלעך און שוועסטערלעך א פעטע ווייַנאַכט-סעודה... כאָטש איין מאָל אין לעבן פילן די דאָזיקע גוטע טעמים — כאָטש איין מאָל אין לעבן... ס'האָט אים קיין רו נישט געגעבן... און, יאָ, ווען ער באַקומט אַראָפּ דאָס דאָזיקע ניטל־ביימעלע, וואָלט ער אפילו געשענקט א מתנהלע דעם שכנס 14-יאָריקער טעכטערל, אָטיליאַ, מיט וועלכער ער פלעגט אַמאָל זיך שלאָגן צוליב א קרוזעראָ, וואָס פאַרבייגייער וואַרפן אַמאָל צו פאַר נאַקעטע נעגער-קינדער... נישט זעלטן האָבן זיי זיך געריסן פאַר די האָר, זיך צע־בלוטיקט די נעזער און געריטשעט אויפן קול: באשר די מטבע האָט מען אָטיליאַן צו־געוואָרפן, נאָר אַנטאָניאָ מיט זיין קעצישער פלינקייט האָט זי אויסגעכאַפּט... אָבער לעצטנס, זינט אָטיליאַס פולע בריסטלעך האָבן גענומען ציטערן אונטערן העמדל, ווי אונטערגעלייגטע באַלעמלעך, איז זי געוואָרן שעמעוודיקער, וואַרפט זיך מער נישט אויפן געלט, לאָזט אַנטאָניאָן איינגאַנצן צונויפקלייבן, וואָרעם ער טיילט סיווי מיט איר העלפט אויף העלפט... דעריבער האָט איצטער אַנטאָניאָ, ביים אויסחלומען דאָס גוטע פאַרדינסטל, אויך אַריינגערעכנט אָטיליאַן אין חשבון.

אין איינעם פון ריאָ דע זשאַנייראָס גאָלדענע דעצעמבער-פרימאָרגנס האָט אַנטאָ־ניאָ געפּרואווט זיין מזל.

אַרום דעם ריזן־באַרג: שוואַרצינקע, ברוינענקע האַלב-נאַקעטע, באָרוועסע, נע־גער-יאַטן. אַלע — אַנטאָניאָס קאָלעגן... הונגער אין זייערע גליענדיקע אויגן. נייגער צו א געוואַגטן איינשטעל...

אויף א זייטן סטעזשקעלע צווישן באַנאַנע-בלעטער און קאָקוס-ביימער, קוקן אפער די צעשראָקענע אויגן פון אָטיליאַן... איר מיידליש הערצעלע — פול מיט פחד... אויף אירע דיקע נעגער־ליפן — א שטילע תפילה...

פון א צווייט סטעזשקעלע קוקן ארויס נאָך א פּאָר אויגן, קאַפּריזנע, צעבאַלע־וועטע כאָטש אין זעלבן עלטער וואָס אָטיליא, נאָר מיט איינרעדעניש, אז דאָס לעבן דרייט זיך נאָר צוליב פאַרגעניגנס פאַר איר, די צעפּיעשטשעטע, סעניאָריטא מאַגדאַ...

און אין א זייט, אויף א שמאָלן וועג, וואַרט שוין מאַגדאַס שאָפער מיטן קאַדי־לאַק — גרייט אהיימצונעמען דאָס באַגערטע ביימל...

אַנטאָניאָ טראָגט זיינע געלאַטעטע אַרבעטס־הויזן. אויף זיין בראָדנז־קאָלירטן קער־פּערל — א זוניקע זילבער־לענטע, אין זיינע קליינע, פייכטע אייגעלעך — שפּיזן פונ־קען פון נעגער־אויגן... מיט זעג, מעסער, האַק אין דער טאָליע, געלאָזט זיך א שמייכ־לענדיקער אין וועג אריין... אויף די ערשטע, נידעריקע בערגלעך, כמעט ווי שפּאַצירט. צוגעפּייפט א פריילעכס, אראָפּגעוואונקען צום נייגעריקן עולם און אין דער מחשבה — שוין געזען זיין מאַמען אין א ניי קליידל... אָטיליאַן אין א בלוזקעלע... און — א פריי־לעכע ניטל־סעודה...

די קאָלעגן אונטן שרימפּן דערווייל איין. די בערגיקע אויסשפּרייטונג — וואַקסט און דאָס ביימל אויפן שפּיץ־באַרג, גלייך ס׳וואָלט זיך דערווייטערט... וואָס העכער ער שטייגט אַלץ ווייטער קוקט אים אויס דער שטח צום פאַרכישופטן ביימל... גלייך עס וואָלט בכיוון זיך אָפּגערוקט פון אים... די בערגיקייט ווערט שמעלער, העכער, אומ־מעגלעך מער צום גיין. אויסגעצויגן מיטן בייכל אראָפּ, נעמט אַנטאָניאָס שוואַרצע קערפּערל זיך שלאַנגיש וויקלען — באַרג־אַרויף... זיינע דאַרע ביינער סטאַרטשען אַרויס, ווי אָפּגעשוינדענע ריפּן פון א געגנדוועגער אָדערקע... אין זיין דריבנע, 15־יאָריק פּנימל, האָבן די צוויי קליינע אייגעלעך, ווי שוואַרצע פּאַסאָליעס, זיך געבאָדן אין ברודיקן שווייס, וואָס האָט ריטשקעדיק זיך געשנירלט פון זיין שעפּסן־קעפּל, דאַרן גערגעלע, און צוזאַמען מיטן זונען־בליאַסק געשטערט זיין קלאָרע ראיה, געשאַפן א טומאַן אַרום אים... מיט זיינע שטעקלדיקע הענט, זיך קעציש געדראַפּעט, אָט אין א ביימל, אָט אין א קוסט און אָט גאָר א ווילע געבליבן שטעקן אינעם באַרגס אויסהויל, אָפּ־גערוט און ווייטער געצויגן — דער אָרעמער אַנטאָניאָ — א שפּענדל אין ווינט. זיין אָנגעבלאָזן קערפּערל, ווי א שוואַרצער פּאַק, דראַפּעט זיך אויפן בייכל. עס דאַכט זיך אים, אז ער זינקט אין נעפּל. ד׳ער טשערנירטער הימל לייגט זיך אים אויפן קאָפּ און לסוף — דאָס ביימל נעמט אים אַנטקעגנגיין, קוקט אים שוין אין די אויגן, עס צער־טלען אַנטאָניאָס הענט דעם ביימלס נאָדלדיקע צווייגן. זיין גליענדיקער גוף קילט זיך אין דער פייכטער קאָרע, אָטעמט טיף די מחיהדיקע באַרג־לופט און — ער קוקט זיך אַרום, א גרין־באַרגיקע הויכעניש רינגלט אים אַרום ווי א פעסטונג. דער הימל — נידעריק,

אנטאָניאָ — גלייך ער וואָלט געשוועבט אין א וואָלקן, באלד וועט ער פארשלונגען ווערן אין די מעכטיקע הויכקייטן, ווי א גרעזעלע, א שרעטעלע... מיט פּחד פאר-שטעקט ער די וועג אינעם ביימלס שלאנקען גוף... דאָס זעגן — זינגט. עכאָס קלינגען אָפּ. פייגעלעך טרילערן: טשיף, טשיף, טשיף. און דאָס בראזיליש-טראָפּישע פייגעלע פישטשעט אָן אויפהער: "בען טע ווי", "בען טע ווי"... ("בעו טע ווי" — איך זע דיך גוט). אנטאָניאָ אָטעמט שווער — א העפּ! א העפּ! שלאָגט ער דעם האמער טיפער אי-נעם הילצערנעם פליש... דאָס ביימל ווערט שיכורלעך, קאָן מער נישט איינשטיין ביז — א שטילער כריפּ, ווי לעצטער אָטעם ביי א גוסס און — א האסטיקער פאל צו דער ערד...

סנאָפּעס זון האָבן א בליאסק-געטון אין אנטאָניאָס פארטרערטע אויגן. פאר גרויס גליק האָט ער א כליפּ געטון און א לאך... א כליפּ און א לאך... און דאָ האָט ער דערפילט, אז זיינע אָפּגעשוואכטע פיס וואקלען זיך, האָבן נישט קיין גלייכגעוויכט... מיט שרעק זיך ארומגעקלאמערט אינעם ביימלס איבערגעשניטענעם גוף, געוואָלט זיך ראטעווען אין זיינע צווייגן, וואָס זיינען געלעבן ווי איבערגעבראָכענע פליגל, געאיי-טערט מיט פרישן, געלן זאפט... פייכט און גליטשיק געמאכט דאָס האָלץ, ווי מיט פריש צעגאָסן בלוט... אנטאָניאָס דארע הענט האָבן נישט געקאָנט מער איינהאלטן זיין מידן גוף, וואָס האָט זיך גענומען גליטשן, גליטשן... אין זיינע פארנעפּלטע אויגן — א טו-מאַן. אין די אויערן — א גערויש און — אָנשטאָט זיך אראָפּצולאָזן קרומבערגלדיק, האָט ער געשטעלט א גלייכן טראָט אין לופטן אריין... זיין גרינג קערפּערל, צוזאמען מיטן שווערן ביימל האָבן זיך גענומען קאָלערן... קאָלערן... פונוויטנס האָט עס אויס-געקוקט, גלייך א צעווילדעוועטע חיה וואָלט זיך געיאָגט פון די הויכענישן...

אנטאָניאָס גוף איז געבליבן ליגן אויפן ניטל-בוים מיט אויסגעשפּרייטע הענט, ווי יעזוס אויפן צלם... אָן שום צאפּל פון לעבן... דעם ביימלס צווייגן, אדורכגעשנירלט מיט פרישן בלוט, מיט זאפט פון זיין אונטערגעהאקטן שטאם און מיט פּאסיקלעך זון-שטראלן וואָס צווישן מענטשן-בלוט און ביימל-מארך, — האָבן די שנירעלעך זון אויס-געקוקט, ווי צערונענע זילבער-טרערן אויף ביידע אונטערגעהאקטע לעבנס...

* *

*

די כאָפּטע באָרוועסע נעגערלעך זיינען א פאל-געטאָן אויף אנטאָניאָס פאר-שטארטן גוף מיט א ווילדן געיאָמער — גלייך דאָ איז נישט געפאלן בלויז א קאָלעגע,

נאָר זיי אלע... אלע ליגן צוזאמען מיט אים אויפן אונטערגעהאקטן ביימל... איין גורל... און זיי ווילן נישט פארלאָזן זייער חבר...

ערשט דער שאָפער פון סעניאָריטא מאגדא, האָט זיי אוועקגעטריבן. אָפּגעטיילט דעם טויטן אנטאָניאָ פון בלוטנדיקן ביימל און געטראכט מיט רוגזה וועגן דער שוועָרער האָרעוואניע פון אָפּוואשן דאָס פארגליווערטע בלוט פון ביימל סצווייגן. פון דארפן אָפּזילבערן די נאָדעלעך, באגילדן דאָס גאנצע האָלץ... אויפּצילעווען דער סעניאָריטאס מתנות און דאן — מאכן דעם בוים ער זאָל לייכטן... באלייכטן די רייכע ווייכנאכט־סעודה...

*

מאקומבּא

דרייצן יאָר איז זי אַלט געווען, ווען זי האָט פאַרלאָזט דעם אומהיימלעכן קרעש (1), שוין ווי אַ פּאַרטיקע דינסט־מויד. די אַנפירער פונעם "פינדל-הויז" האָבן ניט גע-וואוסט וועמעס זי איז, מען האָט זי געפונען, ווי אַ סך אַנדערע, אונטערגעוואָרפענע, ביים טיר פון יתומים־הויז, אָן אַ שום צייכן וועגן איר אָפּשטאַם... איר שוואַרץ־פּנימל, מיט די גרויסע סאַמעטענע אויגן האָבן ארויסגעפינקלט פון די ברודיקע שמאַטעס און אַזוי ווי איר פעסט געבויט קערפּערל איז אויך געווען זייער שיין געפורעמט, האָט דער יונגער וועכטער, פאַר גרויס באַגייסטערונג אויסגעשריגן: "אָ, לינדאַ!" (שיינקייט) איז זי שוין ביים דאָזיקן נאָמען פאַרבליבן...

אַלינדאַ האָט זיך געכאַוועט אַזוי ווי אַלע הימלאָזע קינדער, זשעדנע נאָך אַ גוטן בליק, נאָך אַ פריינטלעכן גלעט און מיט געוואַלדיקן ג'ייגיר צו דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט פון ארומגעצוימטן פּאַרקן... להכעיס איר וויסטע דאַליע, זיך אַנטוויקלט מיט אַן עלאַסטיש-קערפּערל, ווי פון גומי, מיט שיינע, שלאַנקע פיס און גלאַטינקער הויט, ווי געפּוצטער בראָנדז. איר קיילעכדיק פּנימל, מיט די שוואַרץ-סאַמעטענע אויגן האָבן איר געגעבן דעם אויסזען פון אַ קינסטלעריש טעקעלע. אַלינדאַ האָט באַלד געקראָגן אַ גוטע שטעלע, ס'ווייסע פאַרטעכל האָט בולט געצייכנט אירע פּריצייטיק אַנטוויקלטע בריסטלעך. ס'רונדע טשעפּיקל איז איר געלעגן, ווי אַ זילבער-קרוינדל אויפן געקרויזלטן קאָפּ און — אַז קינדער האָבן אויך טאַטע-מאַמע, וועגן דעם האָט זי ערשט גענומען טראַכטן נאָכן אָנהויבן ניאַנטשען דאָס רייכע מיידע-לע, וואָס זי האָט יעדן טאָג געפירט שפּאַצירן אין אַ ראָז-עמאַלינעם וועגעלע... פּלוצים האָט זי דערפּאַרן ווי מען ציטערט איבערן קינדס אַ קרומער מינע, מען האָט מורא ס'זאָל זיך חלילה נישט צעקלאַפּן דאָס פיסעלע, פאַרקלעמען ס'געפּיעשטשעטע הענטעלע און בכלל — "וואָס פאַר אַ צימעס זיי מאַכן עס פון אַ פּיצל קינדעלע?!"...

---

(1) אַ יתומים־הויז.

נאָך אירע דרייצן פאַרשפּאַרטע, אָפּגעצוימטע, עלנדע קינדער־יאָרן, זיינען די דאָזיקע צערטלערייען איר פרעמד געווען אפילו — דערווידער...

קיין שום בילדונג, שרייבן, לייענען, האָט מען אין ״קרעש״ נישט געלערנט, וואָס איז געלט? — דאָס האָט אָלינדא נישט געוואוסט... ס׳האַלט דער טאָג, די נאַכט? — גיי ווייס וואָס עס ווייזט דאָרטן ארונדיק טעלערל מיט שוואַרצע שטריכעלעך?... איבעריקנס, וואָס איז איר די נפקא מינה? זי עסט ווען ס׳הונגערט איר, שלאָפט ווען ס׳איז איר נייטיק און ס׳ביסל ״פּאַפּירעלעך״, וואָס זי באַקומט פאַר איר אַרבעט פאַר־טאַכלעוועט זי גיך אויף בלוזקעלעך, קליידלעך, פאַרביקע קרעלן, אוירינגלעך... שטאַרק ליב געקראָגן זיך צו סטראָיען, אָלינדא... אַלץ פּאַסט איר, ס׳טאַנצט אַראָפּ פון איר שלאַנקן גוף. און ווען זי פאַרשלייערט זיך אין די אַלע פאַרביקע צאַצקעס, סטענגעס, רייפעלעך, בראָשקעלעך — טרעטן די ״קאַשעראָס״ (די וואָס צעטראָגן שפּייז־פּראָדוקטן אין די הייזער), נישט אָפּ פונעם פענצטערל, דרייען זיך לעבן איר ווי בינען אַרום האָ־ניק, קומען מיט אויסריידן, לייגן פאַר פּראָדוקטן, גאַשווארג און כאַפּן דערווייל א הייסן גלעט פון אירע פייערדיקע אויגן, קריגן די ניכפּה פאַר איר גליענדיקן קוק, פאַרן ווילדן לאַך און קעצישער צוגעלאָזנקייט...

אָלינדאס ערשטער קאַרנאַוואַל אויף דער פריי.

די גאַסן זיינען אויסגעפּוצט מיט פאַרשידנקאָליריקע לעמפּעלעך, וועלכע לויכטן אַראָפּ פון טויזנטער געסטראָיעטע ביימער. אויף עלעקטרישע דראָטן, טעלעגראַפן־סלו־פּעס, ווענט און פּלויטן שלענגלען זיך די קאָליריקע סערפּעטין־סטענגערס, וואָס פלעכ־טן זיך אין א שלאַנגען־געדריי, בינדן צענויף פענצטער מיט טיר, אויטאָמאָביל מיט פוס־גייער, מאַן מיט פרוי — א שפּינען־נעץ, וואָס וויקלט אַלעמען אַריין אין זיך... דורך אָפענע באַלקאָנען שיטן זיך כוואַליעס קאָנפעטיעס, ווי א קאָליריקער שניי פון הימל אַראָפּ. און אויף פּראַסעס, פּאַרקן, גערטנער, ווילִיעס, הילכן פריילעכע קאַ־פּעליעס, פאַרטויבן די אויערן מיט זייער בראַזגעריי, פּויקעריי און קאַרנאַוואַל־מוזיק, וואָס צענדליקער טויזנטער זינגען־מיט, טאַנצן־מיט, אַלץ צום טאַקט פון ״סאַמבאַ״, מאַרשן און אויך מוזיק צו אָריגינעלע נעגער־טענץ.

די דאָזיקע פאַרשפּילעניש, זינגעניש און טאַנצעניש, האַלט אָן דריי טעג מיט דריי נעכט, אָן אָפּשטעל, אָן איבעררייס, גלייך עפּעס א געהיימער כוח, א צעהודזשעטער מוזיק וואָלט זיך אין אַלעמען אַריינגעכאַפּט, העצקעט מיט זייערע פיס, הענט, קעפּ, ביי־כער, גלייך אַן עלעקטרישע קראַפט וואָלט געטריבן זייערע צעלאָזטע גופים, וואָס הערן

נישט אויף זיך צו דרייען, בייגן, ברעכן אָן אויפהער, אָן אָפּהאַלט ווי טאַנצנדיקע אוי־טאָמאַטן...

ערב איר ערשטן קאַרנאַוואַל האָט אָלינדאַ פאַרשליאָנדערט איר גאַנץ ביסל פאַר־דינסט. זיך פאַרפּוצט אין אַ הויכן טורבאַן מיט אַסך פּאַפּירענע בלומען, מיט סטענגעס, קינסטלעכע פרוכט און אַ גאַנצן פּאַק מיט ציטער־שפּיזעלעך. דאָס אַלץ אַרויפגעזעצט אויפן סאַמע שפּיץ־קאָפּ, וואָס האָט זי געמאַכט צוויי מאָל אַזוי הויך און לאַנג. אַ קורץ, ברייט קליידל האָט איר קוים געגרייכט ביז די קני, אויפגעדעקט אירע לאַנגע פיס, וואָס האָבן אַרויסגעכישופט צווישן די געדיכטע פאַלדן... אָן אויסגעפּאַסט בלוזקעלע, דעקאָל־טירט אונטן ביז צו דער טאַליע, פאַרנט, אויפגעדעקט בלויז אַ העלפט פון אירע רונדע, שטייפע בריסטלעך... אויף איר שמאָלן האַלדז פאַרשידנפאַרביקע בענדער, הייליקע פיגורעלעך, הענטלעך, פייגן, קמיעות... אויף אירע שמאָלע הענט, אַ שלל בראַסלעטן, דראָטענע, בלעכענע, באַגילדעטע, ביז צו אירע עלנבויגנס... און לסוף — מעשענע סיגנעטן, צו צוויי אויף יעדן פינגער... אָבער, כדי אויסצוקוקן ווי אַן עכטע "באַיאַנקע", האָט איר נאָך געפעלט אַ לעדערן פּייקעלע מיט קלינגענדיקע גלעקעלעך, נאָר אויף דעם האָט שוין אָלינדאַס פאַרמעגן נישט געסטאַיעט... דאָך, ווען זי איז אַרויס, מיט איר האָפּסלדיקן גענגעלע און ווילד־פאַרשייט געלעכטערל, אויף דער צעזוניקט־צעזונגען און צעטענצלטער גאַס, האָט זי אַרויסגערופן נייגיר נישט בלויז ביי אירע פאַרליבטע "קאַשעראָס", נאָר אויך ביי די סטאַטעטשנע מענער און לייטישע זינדלעך... אפילו צווישן די קרענצלעך פאַרשלייערטע, מיט די טייערסטע "באַלאַנגאַנדאַנעס", (קינסטלעכע צירונג פון גרעסטן ווערט) האָבן זיך אירע פּשוטע שמאָכטעס שטאַרק אָנגעזען, גלייך זי וואָלט אויך געווען אַן אָפּשטאַם פון — ווער קען וויסן פון וועמען?...

דער עיקר האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט איר פאַרקאָכעניש אין די ווילדע טענץ, דורך וועלכע זי וויל זיך איצטער אָפּנעמען, אָלינדאַ, פאַר אַלע אירע איינזאַמע, צע־טרענצלטע, פאַרלוירענע — יאָרן... און כאָטש זי האָט קיין מוזיק נישט פאַרשטאַנען, האָט זי אָבער געהאַט דעם סאַמבאַ־טאַקט בירושה אין אירע צעברויזטע בלוטן. אַלע אירע אברים, ווי געשולטע מוזיקאַנטן, האָבן אַקאָרדירט דעם באַוועג פון אירע פעסטע מוסקולן. ס'האָבן מיטגעטאַנצט אירע קיילעכדיקע היפּטן, דער פלאַכער בויך, איר פאַר־שפּיצט־אונטערשטער געשטעל; ס'איז נישט געווען קיין טאַנצן סתם, נאָר ווי עפּעס אַ ווילדע תפילה צו שדים און רוחות, מיט וועלכע איר גאַנץ וועזן איז אין יענעם מאָ־מענט געווען באַהאַפטן.

איר טאַנץ־כוואַליע האָט זיך אָנגעהויבן גלייך פון די שפּיץ־פינגער, איבערגעגאַנ-

וען צו די אָפענע קניען, צו אירע לאנגע הענט, וואָס האָבן זיך באוועגט אין א בייגל־געדריי — אהין און קריק, ווי דער אומרו פון א וואנט־זייגער... ס׳טאנצט איר ברוינע פלייצע, ווי אן אבר פאר זיך, דאָס טאקטפולע טרייסלעניש גיט זיך איבער צום רונדן בויך, אָט וואַרפן זיך אונטערן בלוזקעלע אירע שטייפע בריסטלעך, גלייך צוויי הארטע באלימלעך וואָלטן זיך אליין צעשפילט. עס בייגט זיך צום טאקט איר שמאָלער האלדז, דער שווארצער קאָפּ, אפילו אירע געקרויזטע שעפסן־האָר צעפלאָשן זיך ווילד, גלייך א שניידיק ווינטל וואָלט אין זיי ארייגעהוליעט. אָלינדאַס קרעטאָנע קליידל דרייט זיך, ווי אן אָנגעבלאָזענער באלאָן, וויכערט אין קאראהאד, א פארביקע קארוסעליע.

איר צעחושט טאנצעניש רייסט אזש מיט די געסטראָיעטע מוזיקאנטן. דער גראָ־בער טראָמבאליסט, א שווארצער יאָט אין א רויטן סטאניקל, דונערט איר גלייך אין פנים אריין. דער סאקסאָפאָניסט, אין גרינע הויזן מיט א געלער שארף — קוויטשעט איר אין די אויערן אריין. ס׳קלארנעטל, ביי א הויכן נעגער צווישן זיינע גראָבע ליפּן, — ביביקעט. און הונדערטער פייקעלעך, ביי פארמאסקירטע מענער, פארשטעלטע ווייבער — פייקלען, גלעקערן, קלאפּן איר אקעגן אויף מעשענע טאצן, אויף הילצערנע פּודעלעך און א כאָפּטע, האלב נאקעטע, גאנץ באָרוועסע, שלעפּן זיך נאָך, פייפן, צוויטשערן, ריטשערן... און — הינטער דער דאָזיקער צעזשומעטער פראָצעסיע, קריכט שווער א שורה גלאנציקע אויטאָמאָבילן, אינעווייניק, שוין אָפּגעפּאָרענע מענטשן, ווילן דווקא זיך אדורכשלאָגן דורכן פארצוימטן וועג, אדורכהאקן מיט די שפּיץ־נעזיקע מאשינען, דעם ווילד־וואלדיקן — געוואַי — פייפן זיי אויך, טראָמבייען זיי אויך, קוויטשען, ריט־שען, ליארעמען, ס׳גייט זיי אין לעבן צו געווינען וואָס פריער א שטיקל פרייען שטח... איינער וויל דעם אנדערן איבערשרייען, איבערטומלען, כדי אדורכצוברעכן די צוימען. אָבער זי, אָלינדאָ, א פארטראָגענע אין אנדערע וועלטן, האָט זיי אלעמען ערגעץ אנ־דערש... — ס׳איז היינט איר ערשטער קארנאוואל, איר ערשטע פרייד אין לעבן, הערט זי נישט, זעט נישט און האָט בכלל איבער זיך קיין שליטה נישט... מיט געשלאָסענע אויגן און ווי פארהיפּנאָטיזירטע גלידער, דרייט זי זיך צום טאקט פון די אָרקעסטערס און טרומייטערס, הונדערטער אנדערע, ווי זי, דרייען־זיך־מיט פארטורעטע, באנומענע, פארדמיונטע און פארחלומטע, וואקלען זיך אלע פארטראָגענע אין אנדערע וועלטן אריין...

*

* *

איז אָט אין דער דאָזיקער ערשטער קאַרנאַוואַל-נאַכט, האָט אָלינדאַ, אין איר באַ־גײַסטערטער פֿאַרשפּילעניש, צום ערשטן מאָל געפֿילט באַהעפֿטונג מיט — מלאָכים און שדים... אָט טראָגט מען זי צום העכסטן באַרג פֿון „קאָרקאָוואַדאַ", אַרום איז שטיל, דאָס מאָנאָטאָנע פֿליסן פֿונעם ברייטן וואַסער־פֿאַל, פֿאַרגרעסערט נאָך די טיפֿע שטיל־קייט. עמעץ גלעט איר יונג לײַב, מען קושט איר אויס יעדן אבר... און דער לויטערער הימל זייעט זילבער-שפּריי איבער איר קאָפּ. די מיליאָנען שטערנדלעך ווינקען צו איר, לויפֿן זיך דורך, פֿאַלן איינער אויפֿן אַנדערן און קושן זיך אויך. פֿאַראַן אַזוי פֿיל פֿרייד אין דעם, אַ ים מיט גליק, שטענדיק וועט זי דאָס געדענקען — אייביק...

און שפּעטער, איז אָלינדאַ צוריק געקומען צום גערודער, און — זי געדענקט נישט ווי אַזוי, נאָר מען האָט זי גאָר געשלעפּט אין וויסט עטאָלן, שטעכלקעס האָבן צעבלו־טיקט איר פֿריש לײַב, מאַסקיטן צעביסן איר פּנים און — עמעץ האָט געריסן פֿון איר ס׳פּיצל צעקנאָדערט קליידל, איינגעקלעמט אירע ציטערדיקע בריסטלעך ווי אין איי־זערנע צוואַנגען און — געפּייניקט, געמאַטערט, ביז חלשות...

נאָך דעם האָט אָלינדאַ לאַנג נישט געקענט דערוואַכן פֿונעם שווערן שלומער, נישט געוווּסט צו אונטערשיידן פֿון חלום און וואָר, ביז די פֿייקלדיקע מוזיק פֿונעם דריטן קאַרנאַוואַל-טאָג האָט איר אויסגעניכטערט, זי געשטעלט אויף די פֿיס און בײַ־נאַכט, אויסגעפּרעסט דאָס, וואָס עס האָט זיך נאָך געלאָזט פּרעסן... זיך ווידער באַהאַנ־גען מיטן ביסל צעדריוועלטן צירונג און צוריק אַרײַן צווישן דער צעהוליעטער מחנה, שוין מער אַ באַזינטע, אָבער די טאַנץ-שיכּרות איז איר אויפֿסנײַ אַרײַן אין די פֿיס, מיטן ועלבן כּוח און מיט דער זעלבער צעחושעניש זי ווידער פֿאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן און ווידער האָט זי זיך געפֿונען ערגעץ אין שאול־תּחתּיה...

פֿאַרטאָג, האָט הימל שוין געצאָרנט מיט בלויע ווינטן, געבייטשט די אַלע מידע פֿון דרײַ טעג און דרײַ נעכט טאַנצעניש. האָבן אַ סך געדרימלט בײַ נאַסע שוועלן, אַנ־דערע געכראָפּעט אונטער טריפֿנדיקע ביימער, אונטער בריקן און פּלויטן... און זי, אָלינדאַ, מיט צעריסענע בײַטשן קרעלן, אָפּגעריבענע בראַסלעטן, צעקנייטשטן טורבאַן און פֿאַרזשאַווערטע פֿינגערלעך, האָט איצטער, אונטערן נאַסן-שאַרעיעדיקן הימל — אויסגעזען ווי עפּעס אַן אויסגעוועפּטע מכשפֿה, וואָס האָט שווער געטאָפּטשעט אין גע־דיכטער בלאָטע, אין צעריסענע קליידער, געלעכערטע שיך און צעקאַליעטשעטן גוף, זיך געשלייכט ווי אַ שאָטן, אינעם גרויען טונקל-אויפֿגייענדיקן מיטוואָך אַרײַן...

פונקט צו די ניין חדשים און צו אירע פערצן יאָר, איז אַלינדא געוואָרן א מא-מעלע. א שיין מאמעלע פון עפּעס א געמיש — שווארץ, ברוין, בראָנדז, מיט גאנץ העלע הערלעך. אָבער, אָן שום אנונג וועגן טאטן פון דעם קינד...

*

* *

אַלינדאס צווייטער קארנאוואל איז מיט ווינציק וואָס געווען אנדערש, איר אַלטן "טראזש", (אָנטועכץ) פארלאטעט און פארשמאטעט. דאָס ווילדע טאנצעניש, גלייך סיוואָלט זיך נאָך געצויגן פון פאראיאָרן. בלויז איר ניי-געבוירנס איז דאָס מאָל געווען א בלאָנדס ממש... ערשט נאָכן דריטן קארנאוואל, איז ביי אַלינדאן געקומען א פשוט נעגערל, אָן א שום צומיש, שווארץ ווי סמאָלע...

און אז אַלינדא האָט זיך איינמאָל גוט איינגעקוקט אין אירע דריי "קארנאוואל-מתנות", געזען זייער פארשידנקאָליריקייט, געזוכט צו דערכאַפּן אין זכרון עפּעס אָן ענלעכקייט צו די אלע קאוואליערן, וואָס האָבן זי פארווילט, האָט זי לסוף באשלאָסן, זיך ווענדן צו דער אלטער מארפא, אפשר וועט זי דערגיין, דורך מאכן "מאקומבאַ", (אזא מין כישוף, שטאמט פון אפריקאנער שבטים) ווער עס זיינען די טאטעס פון אירע דריי "קאר'נאוואלעסקאָס". אזוי טוען א סך פון אירע חברטעס און זיי ראטן איר שוין פון לאנג אויך אזוי צו טאָן...

*

* *

און אַלינדא האָט אויפגעזוכט די שווארצע הייל פון דער בארימטער "מאקומבית-טין" און איז שטארק צעטומלט געוואָרן פון די יאָמערלעכע קולות, וואָס האָבן זיך גע-טראָגן פון די הייל-טיפענישן... אויפן ערשטן מאָמענט האָט אַלינדא געמיינט, אז זי איז ארייגעפאלן אין א הויז פון משוגעים. אָט זעט זי א האלב נאקעטע פרוי, שלאָגט זיך אין בויך, קנייפּט אירע בריסטן, רייסט די האָר פון קאָפּ און לאָזט ארויס יאָמערלעכע געשרייען. אין א צוויטן ווינקל שאָקלט זיך פרום א יונג מיידל, אירע אויגן געשלאָסן, די האָר צעלאָזט, די הענט אויף דער ברוסט און וואָיעט, כאָרכלט, ווי א געשאָכטענע בהמה, ביז איר געיאָמערײ גייט איבער אין ספּאזמען, וואָס באוועלטיקן אינגאנצן איר

צעטרייסלט ווען. מען זעט, אז זיי אלע זיינען באהערשט פון עפּעס א פרעמדן כוח, וואָס מאָרדעוועט און פייניקט זיי אָן זייער ווילן און אָן זייער וויסן...

אין דער שטיינערנער הייל איז טונקל. א קליין נאַפט-לעמפּל שמינקלט ערגעץ טיף אין א ווינקל, ווארפט באוועגלעכע שאָטנס אויף די שווארצע ווענט. פון דרויסן קוקט אריין א פּיצל פארכמארעטער הימל, עס דאכט זיך, אז דאָס דאָזיקע שטיקל הימל האָט זיך אָפּגעריסן פון אויבן, איז אריין אין דער פינצטערער הייל, זיך אויסגעמישט מיט די סודות-פולע „גייסטער" — א שטיק יענע-וועלט האָט זיך אין דער וועלט אריינגעריסן...

אין מיטן פון דער טיפער הייל — באוועגלעכע פיגורן דרייען זיך ווי ווילדע שלאנגען, זשוזשען, זשומען, שאַרכן, זיפצן, קרעכצן, ביז דאָס זשומעניש דערגרייכט צום קלימאקס און עס ברעכן אויס גרויליקע געוואלדן ווי א לייב וואָלט אריין צווישן דער מחנה און זי גערדראָעט צו פארצוקן...

אָפּגערוקט אין א זייטיק ווינקעלע זיצט זיך די אלטע מארפא אויף אן איינגעלייגטער קלאָץ, זיצט א שטאָלצע, מיט גראָבע פיס אין א ברייטער ספּאָדניצע און דירזשירט, ווי א קאפּעל מייסטער, מיט דער דאָזיקער צעיושעטער קאפּעליע...

די אלטע מארפא האָט א גרויען קאָפּ מיט זילבער־האָר. א ברייט שווארץ פּנים, ווי טינט, מיט א פעטן גלאַנץ, וואָס מיניעט זיך אזש ווי א שפּיגל. אויגן האָט זי קליינע, אָבער זייער שארפע, שפּיציקע, ווי ביי גיפטיקע שלאנגען, ווי א גלאַנץ פון א חלף. איר נאָז איז ברייט און פלאטשיק, מיט געדיכטע ארויסשטארצנדיקע הערעלעך. אויף איר לינקער באק שטראלן צוויי וואָרצעלעך, געדיכט באוואקסענע מיט זילבער-האָר, וואָס טיילן זיך אויס, צוליב דער שווארצקייט פונעם פּנים, ווי גלאַנציקע בראָשקעלעך אויף טונקעלן געוואנט. איר קורצער האלדז איז הוילע קנייטשן. אירע לאנגע הענט, ווי מיט א געמארשטשעטער פעל איבערגעצויגן. מארפא האָט גרויסע, מעכטיקע בריסטן, וואָס פארנעמען דעם גאנצן פראָנט פון איר הארץ־ברעטל, און טיילן זיך פונאנדער, ווי צוויי אָנגעבלאָזענע באלאָנען, וואָס באוועגן זיך, ווארפן זיך, האפּקען אונטער, גלייך זי וואָלט דיריזשירט אירע געהיימע גייסטער, נישט מיט אירע לאנגע פליגל־הענט, נאָר מיט אירע מעכטיקע בריסטן... אירע שארפע, שלאנגען-אייגעלעך דרינגען אדורך די אלע פּאציענטן, וועלכע קומען צו איר מיט זייערע נשמה-ווייטיקן, זוכן ביי איר א רפואה צו זייערע צעבראָכענע הערצער.

איינע פון די דאָזיקע איז געווען אָלינדא. מארפא האָט זי קודם אדורכגענומען מיט

אירע שפּיציקע אייגעלעך און קנאה׳דיק באַטראַכט איר שיינעם געשטעל, איר זיידענע הויט מיט די סאַמעטענע אויגן, איר געזען — אַדורך און אַדורך און באַלד איר איינגע־רוימט אַ סוד אויפן אויער: ״אַזאַ שוואַרץ טייבעלע, וועט שוין געפינען טאַטעס פאַר אירע ממזרימלעך... דאַרפסט נאָר אַביסעלע פּייניקן דיין גוף, לייטערן דיין נשמה, און זיי וועלן זיך שוין אָפּזוכן, וועלן זיך אָפּזוכן...״

און אָלינדאַ האָט געגלויבט, ווי אַלע אַנדערע — געגלויבט... בלויז אין אָנהויב איז זי געשטאַנען פון ווייטנס, מורא געהאַט זיך דערנענטערן צום ״גייסטער-משפּט״, וואָס די אַלטע מאַרפּאַ פירט אַדורך מיט שמייסן און פּייניקן דעם אייגענעם גוף, זיך שלאָגן אין די בריסטן, קנייפּן ס׳פלייש, רייסן די האָר און ברענגען דעם זינדיקן גוף צו לייטערונג. פאַרטרייבן די מרה שחורה, וואָס באַוועלטיקט די אַלע אויסגעליטשעטע, פאַרפירטע, צעפּייניקטע — און סתם אַזעלכע פון גאָר נישט וויסן און גאָר נישט קע־נען — פינצטערע און דערשלאָגענע מענטשן... אין די הונדערטער האָט זי זיי, די אַלטע מאַרפּאַ, קרבנות פון הפקרות, פון ווילדעניש, פון אומוויסנקייט און פון אויסגעלאַסנ־קייט, זייערע קינדער האָבן נישט קיין טאַטעס, קיין מאַמעס, און ווייסן זעלטן ווען און פון וואַנען מען איז אַרויסגעקומען, און פון וועמען מען איז — באַמאַמעט געוואָרן...

די אַלטע ״מאַקומביסטין״, וואָס פּראַקטיצירט שוין אירע מופתים אַזעלכע פופציק יאָר און איז שטאַרק באַהאַונט אין די אַלע פאַרוויקלטע נשמה-פּראָבלעמען, האָט גלייך דערקענט אין דער טרויעריקער אָלינדאַס אומרואיקן רעדן, אין איר בייסן די נעגל, נישט קענען איינשטיין אויף קיין אָרט — דעם אמת׳ן קרבן: — ״שוואַרץ טייבעלע מיינס — האָט זי איר געגלעט איבערן פּנים: — אין קאַרנאַוואַל האָסטו זיי פאַרלוירן, די טאַטעס פון דיינע קינדער און אין קאַרנאַוואַל וועסטו זיי צוריק געפינען... דאַרפסט זיך נאָר גוט אויסוויינען, אויסקלאָגן, אַרויסשרייען די פּיין, וועט עס דיך באַפרייען פון מאַטערנישן און דאַן — וועט ווידער זיין אַ — קאַרנאַוואַל״...

צוביסלעך האָט זיך אָלינדאַ צוגעוואוינט צו די ווילדע סעאַנסן, באַקומען גלויבן אין דער דאָזיקער זאַך, אַליין נישט וויסנדיק ווען און ווי אַזוי, אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אויסטערלישן כישוף־געווירבל און באַהערשט ווי פון עפּעס אַ סטיכישער קראַפט, האָט זיך איר גוף גענומען בייגן, ברעכן, שליידערן און אַרויסגעבן משונה׳דיקע קלאַנגען, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען אין אַ ווילדן געוואָי, אַ חיה׳שן געברום, ביז אַ מורא׳דיקער קוויטשעריי, גלייך הונדערטער משחיתים וואָלטן געשמיסן איר זינדיק לייב און געקאָרטשעט אירע אברים, פון וועלכע ס׳האָט גערונען אַ געדיכטער שווייס, זי אויסגעווייקט, ווי אונטער אַ שלאַקס־רעגן, אָנגעצונדן איר גלאַטיק פּנים ווי מיט

גליענדיקע ריטער און — געמאַטערט, געמאַרדעוועט, ביז די ווילדע משוגעת-כוואַליע האָט ביסלעכווייז געגומען אָפּטרעטן, די געשרייען — שטילער, געדעמפטער, ווי אויס-גייענדיקע עכאָ-קלאַנגען אין אַ געדיכטן וואַלד... און דאַן איז אויף איר געקומען אַזאַ שטילע, אויסטערלישע רו, ווי באַפרייט פון שווערע, אייזערנע קייטן... אַהיימגעגאַנגען אַזאַ צניעות'דיקע, אַזאַ ריינע און לויטערע, גלייך זי וואָלט נאָר וואָס אויפסניי געבוירן געוואָרן... און — זיך גענומען גרייטן צום פּערטן קאַרנאַוואַל...

*

*   *

דאָס מאָל האָט זיך אַלינדאַ נישט אַזוי שטאַרק אויסגעסטראַיעט. איר בידנער פאַרדינסט האָט קוים געקלעקט אויף אויסצוהאַלטן אירע דריי נפשות'לעך, וואָס זי האָט נישט געוואָלט קיינעם אונטערוואַרפן... אָבער, סיי ווי, האָבן זיי זיך געכאָוועט אויף נאָטס באַראָט, נאַקעט, באָרוועס, זיך געגערט מיטן אָפּפאַל פון די געמאַרקן און גע-ווּעזן — הפקר.

אַלינדאַ האָט זיך בלויז געקויפט אַ פּאָר קורצע, רויטע הייזעלעך, אַרום די בריסט-לעך פאַרשלייפט אַ זיידן שאַליקל און אויסגעזוצן מיט איר'ע נאַקעטע קניען און האַלב-אָפענער ברוסט, ווי אַ מאַריאָנעטקעלע, וואָס טענצלט פרום לויטן ווילן פון באַהערשטער און ווערט רעגירט ערגעץ מיט אַ שטריקל אויפן בוידעם... איר פולער געשטעל איז איצטער געווען מאַסיווער, קיילעכדיקער און — רייף, ווי אַ גוטע צייטיקע פרוכט.

און — זי האָט זיי געפונען — אַלע דריי. יעדן טאָג האָט איר אַן אַנדערער פאַר-זיכערט, אַז ער איז עס טאַקע איר פאַראַיאָריקער "נאַמאָראַדאָ" (געליבטער). אויך אַלינדאַ איז כמעט ווי זיכער געווען אין דעם, נישט געווען קיין שום אונטערשייד אין זייער באַנעמונג. דאָס זעלבע אָנטרינקען זיך מיט "קאַשאַסאַ" (בראָנפן), די זעלבע פאַר-שלעפונג ערגעץ אין די בערג, דאָס זעלבע קושן און האַלדזן איר נאַקעטע ברוסט, די זעלבע פאַרזיכערונג צו זיין אַ טאַטע צו "זייערע" קינדער און — די זעלבע אוממעב-טיקע פאַרלוירנקייט, די זעלבע נאַכגיביקייט... ביז — דאָס דריבנע, שיטערע רעגנדל, וואָס גיסט כמעט תמיד אין די סוף-קאַרנאַוואַל-פאַרטאָגן, זיפּט זיך אויך איצטער דורך אירע צעפלאָשעטע האָר, ריזלט ריטשקעדיק איבער איר אַנטבלויזטן האַלדז, וואַשט און קילט איר האַלב-נאַקעט לייב און — זי דערזעט זיך ווידער — אַליין, אַליין אונטערן נאַקעטן הימל... אַלץ דאָס זעלבע, וואָס איז איר שוין אַזוי גוט באַקאַנט. בלויז אירע

רויטע הייזעלעך גיבן איצט ארויס א געדיכטע פליסיקייט, ווי בלוט, וואָס פאַרשפּרייט זיך אויף אירע נאַקעטע פּיס, וועלכע קוקן אויס גלייך מען וואָלט זיי נאָר וואָס צע-הרג׳עט...

ס׳איז ווידער מיטוואָך. דער טאָג פון ״אש״, פון תפילה און תשובה...

אין דרויסן ליגן נאָך הויפנס צעטראָטענע קאָנפּעטיעס, נאַסע סערפּענטין-סטענ־געס, וואָס זיינען ענלעך צו אַלינדאַס אויסגעדווייקטע הייזעלעך. אויף די אומגערייניקטע גאַסן שמעקן נאָך די טויזנטער אויסגעאָסענע פּערפומען, וואָס קיצלען אין דער נאָז מיטן ריח פון באַגאַנגענע זינד. ס׳וואַלגערן זיך אויף די פאַרבלאָטיקטע טראָטואַרן צע-בראָכענע שטולן, גליטשיקע ברעטער אויף געהובלטע דרענגער, מכשירים פון די אימ־פּראָוויזירטע בינעס, וואָס קוקן איצטער אויס, ווי הרוגים נאָך א גרויסער שלאַכט.

*

* *

עטלעכע חדשים שפּעטער נעמט אַלינדאַס פלאַך בייכל ווידער אויפגיין, ווי א פריש פאַרראַשטשינעט טייג, גלייך מען וואָלט איר דאָרטן א באַלעמל אונטערגעלייגט... ס׳איבלט איר ווידער אויפן הארצן און ס׳פּייניקן איר אויפסניי שווארצע מחשבות. איר איינציקער אויסגאַנג פון קלעם איז ווידער — פּראָוון ״מאַקומבאַ״, גוט אויסוויינען דאָס צעבראָכענע הערצל, בארויקן איר פינצטערע דאַליע...

די אלטע מאַקומביסטין האָט געכאַפּט א מבינישן קוק אויף אַלינדאַס פאַררונ־דיקטן בייכל, מיט אירע חלפים-אייגעלעך אָפּגעמאָסטן אַלינדאַס טרויעריק פּנימל און מיט פעסטן גלויבן אין איר ווײסטן כוח א באַפעל געטאָן: ״שטופּ דיך אריין אין הייל, צווישן דער מחנה תשובה-טוער! דו קליין נאַריש לעמעלע, קיינער האָט דיך נישט באַ-וואָרנט צו קענען שטיין אויף די אייגענע פּיס, מוזסטו אָנקומען צו מיינע געטער, זיי וועלן דיך רייניקן, ארויסבייטשן דאָס שלעכטס פונעם זינדיקן גוף, דיר געבן כוחות צו נעבוירן דעם פּערטן תכשיט — היידאַ, אריין צווישן די זינדיקע!...

און אז אַלינדאַ האָט א פאַרציטערטע, מיט פעסטן גלויבן אין דער אלטערס כוח — ארויסגעקרעכצט: — ״מארפאַ, גוטע מארפאַ, וואָס וועל איך איצטער טאָן מיט פיר קינדער? און וואָס וועלן זיי טאָן מיט זייערע היימלאָזע הפקר׳דיקע לעבנס?״...

האָט מארפּא א גנבישן וואונק געטאָן מיט אירע בלישטשענדיקע אייגעלעך און שטיל איר איינגערוימט אויפן אויער: נאריש בהמהלע דו, זיי וועלן טאָן וואָס אלע אזעלכע טוען: אויסוואקסן גוטע טרעגערלעך פאר די געמארקן, געזונטע "קאשעראָס" פאר די "ארמאזענען" (שפּייז געשעפטן) און אין די קארנאוואלן, וועלן זיי טאָן דאָס זעלבע וואָס זייערע טאטעס האָבן געטאָן... און שפּעטער, וועט איר אלע צוזאמען דאָ אהער קומען, אויסלייזן אייערע פארזינדיקטע נשמות, רייניקן די פארפּאטשקעטע גופים, פּראוון "מאַקומבאַ" — "מאַקומבאַ", פארשטייסט צי ניין?"...

*

* *

דעם פינפטן קארנאוואל האָט שוין אַלינדא באשלאָסן, אז אזוי קען עס ווייטער נישט אַנגיין... זי מוז עפּעס טאָן, זי וועט נעמען איר גורל אין די אייגענע הענט אריין... זיך אויסגעסטראָיעט אין פארשידנקאָליריקע פּאפּירן, זיי פּשוט ארויפגעקלעפּט אויף אירע אלטע, אויסבליאקירטע הייזלעך. זי דארומגעהילט מיט פּאלבאנקעס פון גע- ליישטן זילבער־פּאפּיר.

אויף די נאקעטע פיס, פּשוטע "טאמאנקעס" (שטעק-שיך פון האָלץ) נאָר אין א שמאָלינקער קעשינקעלע פארשטעקט א קליין ראזיר־מעסערל... זיך פריער גוט גע־ שפּיגלט אין דעם, עס געדרייט אהין און אהער, און געכיביקעט פון איר קלוגן איינפאל, גערעדט צו זיך אין דער שטיל: "נישט מאַרפּאַס גייסטער, נאָר דאָס דאָזיקע קליינע מעסערל... כיק — און פּטור"...

און ס'איז געווען דער זעלבער אויסגעשטערנטער הימל, וואָס איז איר געהאָנגען איבערן קאָפּ, ווי א גרויסע, געהאפטענע חופּה. דער זעלבער ברייטער וואסער־פאל האָט געזשומעט זיין אייביקע זשומעניש. די זעלבע פייכטע גראָזן האָבן פון זיך ארויסגעגעבן שארפע, פארשיכורנדיקע ריחות און א פאָר ווארעמע מענער-הענט — אפשר אויך די זעלבע? — האָבן צארט געגלעט איר בענקנדיק לייב. זיך איינגעגעסן אין איר גליִע־ דיק מויל און — די זעלבע פארזיכערונג, הונדערטער פארזיכערונגען... ביז, די זעלבע אָפּהענטיקייט, די זעלבע נאָכגעביקייט... די זעלבע... אלץ די זעלבע...

און א דריבנע רעגנדל האָט אויפסנייִ געוואשן אָלינדאס פארשלאָפן פּנים... די צעווייקטע פּאפּירן אויף אירע נאסע קליידער, האָבן זיך נאָכגעשלעפּט ווי צויטן, אויס- געקוקט ווי אָפּגעשונדענע הויט פון אייגענעם גוף... דאָס פארקילטע לייב האָט איר

אדורכגעשווידערט יעדן אבר... און אז אָלינדא האָט זיך אויפגעהויבן פון פייכטן געלעגער, זיך געגומען גוט אויסגלייכן די ביינער, אויסטרייסלען די פאַרגאַנגענע קאָשמאַרן, איז איר דאָס ראַזיר־מעסערל אַרויסגעפאַלן פונעם קעשענקעלע און ערשט איצטער זיך דערמאָנט אין אירע צוגעגרייטע פּלענער... זי האָט אויסגעפּלאַצט אין א געלעכטער, וואָס האָט זיך צעטראָגן איבערן חלל שאַרף און שניידיק און באַלד איז דער געלעכטער איבערגעגאַנגען אין א הילכיק געוויין, אין א ווילד־שלוכצן, וואָס האָט זיך צעטראָגן אין צענדליקער ווידער־קולות. ס'האָט זיך אָלינדאַן געדאַכט, אַז דאָס הערט זי נישט בלויז איר אייגן געוויין, נאָר דאָס קלאָגן אַזוי אַרויס, פון די בערג און טאָלן, אַלע אירע קאָלעגעס און חברטעס, און וויסטע שדים מיט בייזע רוחות טראָגן די דאָזיקע געשלוכצעריי אויף זייערע שוואַרצע פליגל, טראָגן עס צו דער טונקעלער הייל פון דער קלוגער כישוף מאַכערין — מאַרפאַ...

*

* *

דאָס מאָל האָט אָלינדא שוין נישט געוואַרט ביז איר בויך וועט ווידער אויפיוירן... אירע פיס האָבן בלינד געפאָלגט דעם גורל, געגאַנגען דאָרטן וואו זיי וועלן נאָך א סך מאָל גיין, ביז אין דער שוואַרצער הייל וועט אַמאָל נעמען טאָגן... און דערווייל, אָן א וואָרט אַפילו, האָט זי זיך אַריינגעשטופּט צווישן א מחנה קרעכצנדיקע סילועטן, באַלד זיך גענומען שלאָגן אין די בריסטן, בייסן ס'פלייש ביז בלוט און אַרויסגעשריגן די נאַנצע, אָנגעזאַמלטע פּיין אירע, אַדורכגעפירט מיט דער פולער כוונה דעם ריטואַל פון — "מאַקומבאַ"...

יורדים

דרייצנטע דערציילונג. געווידמעט די דרייצן-יאָר
מדינת-ישראל

חיים איז נאָך לאנג געשטאנען פארדמיונטער, געגאפיעט אויפן ווייסן שוים, וואָס האָט אויסגעקוקט ווייס־ווילדער געפלאנץ, געלעבט א רגע און זיך אויפגעלייזט.

צומאָלט האָט חיים אויך געוואָרפן אנגסטלעכע בליקן צום פארשווינדיקן פּאָרט. אים האָט זיך געדאכט, אז ער זעט טונקעלע געשפענסטער נאָכיאָגן די שיף... פונוויי־טנס זעט ער נאָך קוים א בלישטשל פון לייכטנדיקע לעמפּעלעך, טוקן אויף, טוקן זיך אונטער. ביז א דראסטישער אויסבויג פונעם אנקער און — אויס מיטן לעצטן ארץ־ישראל־גרוס. נאכט...

אין חיימ׳ס זכרון טויכן ווידער אויף, שוין צום הונדערטסטן מאָל, די אלע פּיינען, שוועריקייטן בעת׳ן איינאָרדענען זיך אין ישראל... זיי קומען צו אים איצט, ווי א פּאר־ענטפערונג פאר זיין ווערן — א יורד... חיים וויל אליין פארטויבן דאָס געוויסן און וויל זיך אליין איינרעדן, אז נאָך די פּייניקונגען ביי היטלערן, געמיינט מען וועט אים דאָ טראָגן אויף די הענט... צום סוף — ווידער קאמפן, ווידער קריגערייען, אפילו — גע־שלעגן... ביז, זיין ברודער אינעם ווייטן בראזיל האָט געשיקט שיפס-קארטן... האָט חיים א זאָג געטאָן: — ״גענוג זיך געפּייניקט...״

ווי אויפגעוועקט פון א טיפן שלומער, קוקט זיך חיים פרעמד ארום. זעט, נאָך אזעלכע, קוקן אין די שווארצע האָריזאָנטן אריין... חיים דערקענט זיי אלע. נישט איין מאָל זיך געטראָפן אין די רייזע-ביוראָען, זיך געהאָלפן ארומקריגן...

אָט איז דער צעפּאטלטער זרח, מיט לאנגע פּיס און שיקל־דיקע אויגן. אלע יידישע גהינומ׳ס האָבן די דאָזיקע קרומע אויגן שוין צוגעזען. אלע גלות׳ן — אדורכגעשפּאנט. דורך נסימ׳דיקע וועגן זיך קוים דערשלאָגן קיין ישראל און דאָ, א נייע פרשה — ״מעברות״! כאָטש שלאָף אין א רעגן אונטערן נאקעטן הימל... דערפאר, וועט זיין רייכע שוועסטער אין טשילי האָט צוגעזאָגט: ״אויפריכטונג״, האָט זרח א שפּיי געטאָן אין

זיינע פלאכע דלאָניעס, גלייך ער וואָלט זיך ראָזמאַכלעוועט צו א פריש געשלעג: — ״כאפּט עס דער וואטנמאכער, אינע עמע הולכ׳ן פון דאנעט״...

אביסעלע אָפּגערוקטער שטייט האלב פארגולמ׳ט, דער קיילעכדיקער יתום, ברוך, ווינט שפּילט אים אין זיין צעפּלאָשעטער טשופּרינע אריין. זיינע צעדרייטע מחשבות, אָט ביי די אויסגעהר׳געטע טאטע-מאמע און אָט ביים גבירישן פעטער אין ארגענטינע, צו וועמען ער יאָגט זיך איצט נאָך א נייעם שאנס אין לעבן...

אויף אן אַנלען-שטול ליגט פּאַרטאַיעט דער אינטעליגענטער שמואל, אויף זיינע אנטבלויזטע הענט, טאטואירטע נומערן... א קארגער אויף רייד. נאָך זיינע שווערע איבערלעבונגען אין די לאגערן טוט ער פון צייט צו צייט א ברום, א וואָרטשע. עפּעס א ווייטע קבורה אין אורוגוויי, מיט אייגענע פאבריקאציעס, האָט אים געבראכט צום נסיון — כאפּן דאָרטן א קוק...

און אביסעלע טיפער, זיצט אָפּגעזונדערט דער ווילד־באוואקסענער אוריש. נאָך אים האָט קיינער נישט געשיקט, ער באלאנגט שוין אויך נישט צו קיינעם... אויסגעקעמפט א בילעט אזש קיין דרום־אפריקע. פּונקט אזוי האָט ער אויך געקענט פאָרן קיין האָנאָלולו. ס׳איז אים אלץ איינס, אורישן, נאָכן פארלירן ווייב און קינדער, וועט ער שוין סיי ווי אויף קיין אָרט קיינמאָל נישט קענען איינזיצן... קוקט ער אין דער ווייטקייט, זעט גאָרנישט, הערט גאָרנישט, פארטעמפּט...

פון דער שיפּס-טיפענישן באוויזן זיך מידע פרויען, צעפּלאָשעטע מיידלעך, פארשוויצטע בחורים און פריילעכע יונגוואַרג. ביי א סך אויף די פּנים׳ער, טרויעריקע מיינעס, פארקרומטע גרימאסן, גלייך עפּעס, אומגעאנטע בענקשאפטן וואָלטן פּלוצים אלעמען באוועלטיקט... קוקן אלע שטיל צום שפּיל פון ים-כוואליעס, אָט אמארמען זיי זיך, באלד צעשיידט מען זיך, ס׳א שפּיל אזא, גלייך ווי ביי מענטשן...

א הויכע, דארע יידענע הויבט אָן רעדן מיט א תחינה־ניגון, גלייך זי וואָלט פאָרגעזעצט אן איבערגעריסענעם שמועס:

— ״ס׳איז אינע חושך געווען ד אָ ר ט ן און דאַוואָל נישט לעכטיק געוואָרן — דאָ״. . .

א צווייטע, וועמענס ווייסע הענט דערמאָנען אין חסידיש־נגידישן יחוס, כאפּט זיך פאר די אויערן: — ״שוין געהערט! שוין געהערט!״...

— "און אינץ אָב מע זעך ניש גיקענט איינעסטן" — הויבט אָן א דריטע, מיט א ברייט-פּאַרריסן פּיגע־נעזל: — "נישט גיקאָנט, וואָל נישט גיגאַט גיניק צום זשיפּיען"...

איין גרויסער — נ י ש ט און — נישט... גלייך זיי וואָלטן זיך אלע געפילט אויף א באַשולדיקונגס-באַנק, וואו מען האַלט זיך אין איין פּאַרטיידיקן און פאַרענטפערן... לסוף דרייען א סך אום די קעפּ אויף צוריק... ס'עפּעס פּלוצים אזוי טרויעריק געוואָרן און ס'דאַכט זיך יעדן, אז מען זעט נאָך א קליין שיינדל פונעם פאַרט... אין אמחן אָבער, זעט מען מער גאָרנישט... דער ים איז איצטער שוואַרצער ווי די נאַכט. זיינע טיפענישן זידן, קאָכן, שטורמען, פאַרטויבן די דרויסנדיקע רייד און פאַרשלומערן די אינערלעכע געערכט־פאַרטיקונג... אויך דער פאַרכמאַרעטער הימל, איז אָנגעפילט מיט ימ'ישן גע-ברום, אַט וועט הימל זיך אויסמישן מיט כוואַליעס, פאַרשלינגען די שיף מיט אלע — יורדים...

*

* *

אין אָנהויב איז חיימ'ען טאַקע נישט געפעלן געוואָרן ישראל. זיך געמוטשעט אין א פּאַלאַטקעלע. די צוויי פּיצלעך קינדער געשיקט אין א גן-ילדים, ס'וויבּ האָט געאַרבעט אין קוך, ער, אויפן פעלד. אינעם פּיצל שטיבעלע טונקל, קיין שטראַל פון זון. דורכן קליינעם פענצטערל, קיין סימן פון א לבנה... אָבער צו ביסלעך האָבן זיי אויסגעפונען, אז אויף זייער שוועל, שמייכלט לבנה גלייך אין פּנים אריין און אויפן פעלד קען מען זיך אָנזאַפּן מיט ליכטיקייט אויף יאָרן... און מען האָט אָנגעהויבן פילן עפּעס א באַזונדערן טעם אין דער דאָזיקער שווערער אַרבעט, ס'איז געוואָרן נאָענט — אייגן...

אז ס'האָט זיך אָבער אָפּגעזוכט א רייכער ברודער, וואָס האָט — פונוויטנס — אויסגעמאָלן: זיין "רויטע קאָטש מיט א שוואַרצן קוטשער"... א ברויזנדיקער אַטלאַנ-טיק, וואָס ליגט אים ממש צו די פּיס... היינט די מחיה־דיקע זון וואָס וואַרעמט דאָ א גאַנץ יאָר, ווי א היימישער קאַלך־אויוון:

— "איז בקיצור, ביסטו זיך נישט מחויב דאָרטן צו מיטשין, און — "ווייסט דאָך — ביי א שווערן וואָגן איז גרינג צופּיס צו גיין"...

האָט עס חיימען מער קיין רו נישט געגעבן. גענומען לויפן אין די רייזע־ביו-

ראָען, דאָרטן געטראָפן נאָך אזעלכע, ווי ער, זיך געהאָלפן ארומקריגן... ביז דאָס היי-פעלע ב ל אָ נ ז ש ע ר און — ז ו כ ע ר זענען געוואָרן — יורדים...

*

* *

סעניאָר סעוועק, חיימ׳ס ברודער, וואָס האָט זיך אין ריאָ שוין ״דאראָביעט״ צו אן אייגענעם, צוועלף(שטאָקיקן גולם (צונאָמען פון הויכע בנינים) און זיך שוין לאנג באפרייט פון די היימישע ״סענטימענטאלנע פּאָטשוטשיס״, אז ער האָט דערהערט זיין ברודערס: ״שטאָלצירן מיטן דלות״, זיך גרויסן מיט עפּעס א קאָמף פאר ״א פרייהייט״, וועגן וועלכן זיין געפונענער ברודער דלאָביעט אים אין קאָפּ... האלט אין איין מוטשען וועגן א ״מאָרגן״, וואָס וועט דאָרטן, אין ישראל אמאָל אויפשיינען, האָט עס סעוועקן צעטומלט און דענערווירט: ניין, נישט אויף אזא ברודער האָט ער געוואָרט, וואָס דילט אים אַ קאָפּ וועגן א מ אָ ר ג ן , בעת היינט איז אים דאָ אזוי גוט?

סעניאָר סעוועק האָט אויך נישט פארטראָגן חיימ׳ס אראָפּזעצן זיך דווקא אויפן קלענסטן בענקעלע פון זיין גרויסן סאלאָן, זיינע שווערע הענט ארייַנגעטאָן אין דער געדיכטער טשופּרינע, ווי א שטולענע גראבליע אין א סנאָפּ צעוואָרפענעם היי... אויס-געטאָן דעם קאָלנער, צעכראַסטעט דאָס העמד און ס׳רוב — דווקא אין די פרייטיק-צו-נאכטסן, ווען מען האָט ביים סעניאָר סעוועק געגרייט די קאָרטן-טישלעך, איז חיים באלד ארייַנגעפאָרן מיט זיינע בענקענישן צו א ״היימישער שבת מלכה״... ״די אָרעמע ווינקעלעך דאָרטן, פארטונקלען דאָך די היגע פּאלאצן, וואָס זענען, לויט חיימען, הויל פון אינעווייניק, גלאנצן פונדרויסן און א פוסטקייט יאָגט פון אלע זייטן״... ניין, נישט דאָס האָט חיים געמיינט, זיך פאַרגעשטעלט...

חיים מיט זיינע פארבענקטע מחשבות און צעטרעסלטע נערוון, האָט באלד גע-שאפן א מחיצה צווישן זיין ביטול-קוק אויף סתם ״גבירזאקראטיע״ און זיין ברודערס עולם-הזה׳דיקן ח י ־ ש ע ה ...

חיים האָט אָפּט ארייַנגערעדט אין סעוועקן: — אמת, ס׳איז מיר אין אַנהויב נישט גוט געוועזן ד אָ ר ט ן ... אָבער ס׳איז געווען אזא מין שלעכץ, באהויכט מיט וויזיע פאר א בעסערער צוקונפט, אָנגעפילט מיט תוכן... אלץ אזעלכע זאכן וואָס לעבן נאָך אין מיר פון דער אלטער היים... בעת דאָס גוטס וואָס איך האָב דאָ געט-

ראָפּן, מיניעט, ווי א פאַלשער ברילִיאַנט, ס׳פאַרבלענדט די פּוסטקייט... אפילו דאָס קהל׳ען זיך דאָ, דערגייט נישט צום נשמה׳קעלע... ס׳אַ מין קהל׳ען זיך פאַר וואויל-טאָג... אָבער דאָרטן, אין ישׂראל, ״נויט ברעכט אייזן״, מען קריגט זיך טאַקע אָרום, אָבער, מען וויל עפּעס און מען ווייסט וואָס מען וויל״...

אָט די דאָזיקע רייד, מיט וועלכע דער צעטרעסלטער חיים האָט געמיינט צו רא-טעווען זיין אייגענעם אומעט, איז דעם רייכן סעוועק נישט ליב געווען צו הערן... שוין לאַנג ווי ער לעבט מיטן זאָרגלאָזן-היינט און האָט ד ע ר ו ו י י ל אין דער אדמה דעם מאָרגן: — ״גאַי שוין גאַי, חיים״ — האָט סעוועק אָפּט צונישט געמאַכט זיין ברו־דערס רייד — ״כ׳פאַרשטיי באמת נישט דיינע זיפּצעלעך און קרעכצעלעך... סיידן, זעסטו, ווען בענקסט צוריק א ה י ן , נאָכן אַקער-אייזן, רעד׳זשע קלאָרע דברים. לייגזשע מע נישט אריין די שמד אין דער יראה... איז מילא נו? ביסטו דאָך דאָרטן געווען? און מיט קיין פּאָליציי האָב איך ענק נישט אהער געבראַכט״...

א וואָרט פּאַראַ וואָרט, ס׳איז געפאַלן א קליין פּעטשעלע, מיט א גרויס שנירעלע בלוט . . .

חיים׳ס ווייב, חנה׳לע, וועמענס בלויע אויגן ס׳האָבן אין זיך דעם גלגל פון אן אייביק בענקענדיק האַרץ, אויך זי איז דאָ אַרומגעגאַנגען, ווי אויף גלאָז... נישט פאַר־טראָגן די געקינצלטע מאַניערן, ברילִיאַנטענע ״קאָליעס״ אויפן האַלדז, געליישטע בי-כער, מיט געגילדטע לוקסוס־רוקנס אין די קרישטאָלענע שענק און דער ״מלך-אייכל״ אויפן טיש... חנה׳לע וואָלט זיך גערן געוואָלט אויפכאַפּן פונעם דאָזיקן נאַרישן חלום און וואָלט גערן צוריק אהין, צו יענעם טעפּל געקעכץ, וואָס זי האָט אין ישׂראל געגרייט פאַר א הונדערט אירע... אין דעם האָט זי יאָ געפילט א זין-תוכן...

חיים׳ס און חנה׳לעס ענטוישונגען האָבן זיך נאָך שאַרפער אָפּגעשפּיגלט אויף זייערע צוויי דריבנע טעכטערלעך, אין וועמענס בלוט עס האָט שוין געריזלט ארץ-ישׂראל אַטמאָספערע... פרייליכע בטבע, זענען זיי דאָ געזעסן שטילע, געצוימטע און זיך געפילט, ווי אָרעמע קרובים אויף א רייכער חתונה...

און אַז די פיר מענטשן האָבן אין די אָוונטן זיך געטראָפן אין זייער ענגן צימערל, איז יעדער געווען אָנגעלאָדן מיט דריקנדיקער שטילקייט און שווערע אנטוישונגען...

איין מאָל, דורכן קליינעם סופיט-פענצטער האָט אריינגעפינצטערט א שוואַרצע

נאכט. חנה׳לע האָט מער געפילט, ווי געזען, דעם שווערן צער פון אירע ענטמוטיקטע קינדער . . .

— ״חיים כ׳קען נישט מער צו זען״ — האָט חנה׳לע ארייגעשושקעט אין חיים׳ס אויערן: — צוליב וואָס האָט מען געדארפט די גאנצע גראטשקע? כדי אָנצוקוקן גלאנ־ציקע תכשיטים? צוליב דעם האָט מען געדארפט פארלאָזן ס׳לאנד? כ׳לעבן חיים, פע״...

חיים, מיד פון ארומקריגן זיך מיט קהל, מיטן אייגענעם ברודער, און מיט וועלן יעדן געבן צום פארשטיין דאָס, וואָס קיינער וועט דאָ שוין קיינמאָל נישט קענען באג־רייפן, האָט א גיכן פארלעש געטאָן דאָס קליינע לעמפעלע און אזוי אין דער פינצטער, וואו מענטש און שאָטן זענען געוואָרן איינס, שטיל ארויסגעפליסטערט: — ״נאָך אלעם, חנה׳לע, וואָס האָבן מיר דאָ צו זיי? וועגן טרעבלינקער גהינום האָבן זיי בלויז געהערט.. דעם חלף אויפן האלדז — נישט געפילט, וועלן זיי אונדז קיינמאָל נישט קענען פאר־שטיין... ס׳איז אונדזער גורל און מיר דארפן אים טראָגן מיט פארשטענדעניש... כ׳וועל נאָך דאָ א פרואוו טאָן, ווי אנדערע — ווערן ״א קלאפער״, און אויב ס׳וועט טאקע נישט ״קלאפן״, איז די ברוק אויף צוריק נישט איבערגעריסן... אדרבה, זי איז איצטער שטארקער, פעסטער, נו, עט מען מאכן... השיבונו נאָזאַד״..

*

* *

און חיים האָט געפרואווט. נאָר אנשטאט ״קלאפער״, פארקאטשעט די ארבל אין א יידיש פאבריקל, צווישן שווארצע ארבעטער, מיט אזעלכע קרומע פייערלעך אין זייערע אויפגעפראלטע שווארץ־אפלען, חלופים-בליאסק אין זייערס א זייטיקן קוק... נישט חלילה קיין שלעכטע מענטשן. אדרבה, מיט געזינקענע קעפ, הכנעה׳דיק־צוגעלאָזן... אָבער, ווילד. א ליאדע וואָס, איז, א שטופּ, א ריס, א מגושמ׳דיקן לאך... און טאָמער האלטסטו נישט מיט, איז באלד — ״גרינגאָ״... (פרעמדער).

ער קען זיך טאקע זיין א מיוחס, חיים, געווען אין טרעבלינקע, צוגעזען אלע מיני טויטן, אָבער דאָ קען ער קיינעם קיין מענטליך נישט מאכן... און אז חיים האָט אמאָל, אזוי זיך צום פארוויילן, זיי א פרעג געטאָן כלומרשט שפאסיק: — ״וואָס האָט איר צו מיר? — פארוואָס רופט איר מיך — ״גרינגאָ״?, האָט איינער, אביסל שי־כור׳לעך אים אדורכגעשפּיזט מיט זיינע פייערדיקע נעגער-אויגן און אויך שפאסיק צו־ריק געענטפערט:

— "ס'איז נאָסאָ טעררא דאָ"... (אונדזער ערד דאָ).

"אַט דאָס איז עס" — האָט חיים דעמאָלט א גאנצע נאכט ניט געקענט איינשלאָ־פן — "ענדלעך — געפאקט דעם שטן ביים קארק... ס'איז זייער ערד, זייער לאנד, אפילו דער הימל איז דאָך דאָ — זייערער"...

איצט איז חיימ'ען אויך קלאָר געוואָרן, פאר וואָס זיין אויסגעצאצקעטער באלע־באָס חנפט אזוי אָפּט זיינע שווארצע ארבעטער... נישט איין מאָל באמערקט, ווי זיין אויסגעשליירטער פאבריקאנט מיט די געפוצטע נעגל און שטייפן קעלנערל ווייסט, אז מיט זיין גאנצן אויפגעבלאָזענעם סטאַזש, איז ער, אין גרונט גענומען אין די הענט פון די דאָזיקע, האלב-ווילדע, כאָטש גוטע מענטשן, אָבער, מיט טליענדיקע פייערלעך, וואָס קענען זיך אמאָל — צעפלאקערן...

און די זעלבע אונטערטעניקייט, באהאלטענע מורא, האָט חיים אויך באמערקט ביי זיין אייגענעם ברודער און נאָך צענדליקער אנדערע, אזעלכע ווי סעוועק...

חיים האָט נאָך אויך אויסגעפּרואווט ווערן א "קלאפער". זיך באהאנגען מיט פאר־שידענע בלוזקעלעך, האלקעלעך, בינדעס, שקארפעטן. געטשאפּעט מיט א שווערן טראָט אויף ליימיקע בערג, אויסגעקוקט פונוויטנס, ווי א גייענדיקער באַזאַר... און אז ער האָט זיך א שווער-דערשוויצטער, אָן אויסגעווייקטער, שווער-פרייכנדיקער קוים דערשלעפּט צו די ערשטע פאָר שטיבעלעך, איז פונקט ווי אויף להכעיס, האָבן א סך געענטפערט:

— "סאי דאָקי, גרינגאָ"... (אוועק פון דאנעט, פרעמדער).

דערביי האָט חיים באמערקט, ווי א סך שטייען מיט פארשארצטע ארבל, צעב־ראסטעטע ברוסטן, א געזונטער שוויס רינט זיי איבער די פארברויינטע פנימער און אין זייערע אויגן, אזא שטילע, זיכערע רו... זיי שטייען אין די אייגענע גערטענער, אקערן אויף דאָס אייגענע פעלד... באוואסערן ס'אייגענע שטיקל ערד... האָט אין חיימ'ען דאָס בלוט א הייסן זאָד געטאָן... ס'איז אים באפאלן א טיפע בענקשאפט — האָסטו דען, חיים נישט געטאָן דאָס זעלבע דאָרטן?... נישט מער — האָסט עס דעמאָלט נישט אָפּ־געשאצט"...

און ווען חיים איז אהיים געקומען,שט ייך געבליבן פארצווייפלט לעבן סעוועקן, מיט מידע הענט, אויסגעלאָשענע בליקן און אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט אים סעוועק מביניש באטראכט פון אלע זייטן. ס'האָט אים דערמאָנט אין זיין אייגענעם אָנהויב און מיט שטילער רוגזה בייזלעך ארויסגערעדט:

— "וואָס האָסטו געקלערט חיים, אז עס פאלט דאָ "מן" פון הימל? מען טראָגט אקעגן מיליאָנען אויף גאָלדענע טאצן?... געדולד, ברודערקע, מען קען איבערנאכט נישט ווערן דאָס, אויף וועלכן מיר האָבן דאָ געהאָרעוועט דרייסיקער יאָרן? יאָ! יאָ! — איר דאַרפט דאָס קיינס נישט פארגעסן"...

* *
*

זינט יענעם טאָג, האָט חיים שוין געוואוסט, אז פאר אים און נאָך אזעלכע — יורדים, מיט גהינומ׳ס אין די הערצער, גאז-אויוונס אין די מחשבות, איז נישט פאראן קיין בעסער ווינקעלע, ווי נאָר דאָרטן, וואו זיי וועלן אויך קענען א דרייסטן זאָג טאָן: — "ס׳איז אונדזער ערד" — דאָרטן איז זייער מקום מקלט...

א דעצידירטער איז חיים שטיין געבליבן לעבן זיין פארטרויערטע חנה׳לע, אריינגערעדט אין איר צארטן פנים:

— "חנה׳שי, מיר פארפאקן צוריק ד׳ער באָבעס קופערט, אויף רעדלעך, ס׳איינציקע וואָס מיר האָבן געראטעוועט פון טרעבלינקער גהינום... לאָמיר עס צוריק פירן אהיים"...

חנה׳לעס קאָפּ איז פריידיק א פאל געטאָן אויף חיימ׳ס ברוסט און אזוי-אָ, צווישן א הויכן כליפּ און א שטילן לאך, געשטיקט אין טרערן ארויסגערעדט:

—"מילא אינץ, יאַק אינץ, אָב מע שוין איגזערס "אָפּגעיאזדעוועט", אָבער די שניעקיס, הלשן דאָך קריק צו דער דאָרטיקער "סטאָדאלע", טאָ לאָמיר זיי פירן צו זייער וועלט"...

חיים איז שטיין געבליבן לעבן זיין ברודער סעוועק, מיט אביסל געזונקענעם קאָפּ: — "פארשטיי מיך, ברודער, געווען א טעות, א חלום, כ׳מיין, כ׳וויל"...

סעוועק האָט אים איבערגעשלאָגן: — "פּלוידער נישט, דריי נישט מיט דער צונג, זאָג קלאָר, ווילסט אויף צוריק? נו, כ׳על געבן, געבן, אבי פטור אן עסק" — און טאקע פרייער אָפּגעאָטעמט: געפּטר׳ט א צרה פון קאָפּ... ברוך שפטרינו"...

* *
*

אויף דער זעלבער שיף, וויגן זיי זיך צוריק אויף די זשומענדיקע ים-כוואַליעס...

— זע נאָר, זע, חנה׳לע״ — שרייט פּלוצים חיים אויס מיט גרויס שמחה: — ״גיב נאָר א קוק אין יענעם ווינקעלע, מיר זאָלן ביידעאַזוי לעבן ווי ס׳איז — זרח!

— אָה שלום עליכם זרח, וואָס עפּעס אזא זויערע מינע? האָסט געמיינט דייך שוועסטער וועט דיר אָפּשרייבן אירע מאַיאָנטקעס?״...

זרח, צעקנאָדערט, אָפּגעלאָזן, מיט רויטע פליאמעס אונטער זיינע אונטערגעהאַק־טע אויגן, טוט א שטילן ברום: — ״קוקסט אָן מיינע פליאמעס אונטער די אויגן, כ׳האָב זיי איבערגעלאָזט — גרעסערע״...

פּלוצים דערנענטערט זיך ברוך, אויך איצטער שפּילט זיך ווינט מיט זיין געקרויז-טער טשופּרינע און מיט קוים א הערבארן געפּליסטער, געריידט זייטיק: — זיי וועלן אונדז קיינמאָל נישט קענען פאַרשטיין, זיך ארומגעקריגט מיט גאַנץ קהל... איז אויב ס׳איז מיר שוין יאָ באַשערט, אז ערגעץ זאָל מיך כאַפּן די כאָליעריע, זאָל שוין בעסער זיין אויף אייגענער ערד״...

דער אינטעליגענטער שמואל ליגט ווידער אויסגעצויגן אויף אן אָנלען-שטול. זיינע טאַטואירטע נומערן לייכטן איצט מיט אזא קלאָרקייט, גלייך מען וואָלט זיי נאָר-וואָס מיט פייער אויסגעברענט... שמואל מיט זיין פאַרטראַכטן בליק און קאַרגע רייד קוקט אויס, גלייך ער וואָלט נאָך זינט דעמאָלט ניט פאַרלאָזט די שיף... און אז חיים טוט אים א פרעג אויף דער ״מיליאָנערשטע״ אין אורוגווייַ, טוט ער א פאַרבייס זיינע דינע ליפּן און בלייבט צוריק ליגן אין פאַר׳עקשנטער שווייגעניש...

פון א ווינקל רוקט זיך ארויס די דאַרע יידענע, א קרומער שטראַל פון א נאַכט־לאָמפּ מאַכט איר אויסקוק, ווי א ״סטראַשידלע״: — ״צ׳האָצע גיפינען די קרובים — צ׳האָצע געפינען?״

פונעם צוויטן ווינקל באַווייזט זיך ד׳י מיט די ווייסע הענט, טוט איר אן ענטפער אין פּנים אריין: — ״יאָ מ׳האָצע גיפינען, נו אבי מ׳האָצע״... און טוט זיך א פּאַטש מיט די פינגער אויף די ליפּן, ווי איינער רעדט:מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס מיר האָבן שוין דאָרטן געפינען?...

צום סוף טשאַפּעט ארויס אין א פּאָר ברייטע לאַטשן יענע מיטן פיגע-נעזל, טוט א הויכן רוף:

— "ס'קאָצל קומט, אבי מען זעט זעך... כ'האָב זיי דאָרטן דאַציילט ווי כ'בין געלעגן צווישן א קופּע מתים, זיך קוים ארויסגעוויקלט פון זייערע טויטע לייבער, האָבן זיי זיך אזש פאר רחמנות פארשטעלט די אויערן, נישט געקענט הערן אזעלכע גרוילן... נו, האָב איך פאר זיי אונטערגעהויבן סקלאַיד, זיי צו ווייזן די אויסגעברענטע לעכער אין מיינע פיס, האָבן זיי זיך באלד פארשטעלט די אויגן, נישט געקענט צוקוקן אזא אָפשידעניש... נאָר, אין א צען מינוט ארום האָבן זיי שוין אלע געגאַשט ביים צוגעגרייטן טיש, פעטע פלאָדינס מיט זיסע לעקעכער"... כאַ־כאַ, כאַ-כאַ, כאַ...

דער איינציקער וואָס האָט געפעלט צום רימל, איז געווען דער פארטעמפּטער אוריש. יענער בלאָנזשעט נאָך צווישן ימים און ישובה און וועט שוין מסתמא אזוי פארענדיקן אן איינזאמער ערגעץ אונטער א פלויט...

ס'איז ערב טאָג. עולם שטייט אויפן דעק, איז אומגעדולדיק, גלייך מען וואָלט ערשט איצט צום ערשטן מאָל געפאָרן אין הייליקן לאַנד אריין...

אין האָריזאָנט צינדט זיך אָן א שטיק הימל:

— "עולם", שרייט אויס חיים מיט באגייסטערונג — "עס טאָגט אין ישראל" — "עס טאָגט, עס טאָגט" — כאפּן אלע אונטער און איידער זיי קוקן זיך רעכט ארום, איז גלייך זיי וואָלטן צוזאמען מיט די ראָז־גרויע וואָלקנס א שווים געטאָן אין צעליכטיקטן מאָרגן אריין...

ערשט ביים אָנקומען אין חיפה, האָבן זיך אלע געגומען שטיפן, יאָגן, איילן, איינער איז איבערן אנדערן אריבערגעשפרונגען, גלייך זיי וואָלטן מורא געהאט, אז עפּעס א משכל קען זיי נאָך צוריק פארשפּארן דעם וועג... ערשט ביים אויסשטייגן, האָבן זיי אלע א פעסטן שטעל געטאָן פריידיקע טריט אויף זוניקן באָדן און געפילט, ווי זייערע מידע, אויסגעוואנדערטע פיס צעקושן זיך הייס מיט דער אויפגעוואכטער ארץ־ישראל ערד...

★

פון זעלבן מחבר:

„קראָשניק ריאָ" — 1953

ביים געראויש פון אטלאנטיק — 1957

דרייצן דערציילונגען — 1961